בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קל"ח

יו"ל: ח' אייר ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

'לבושים' - הנסיון בזמננו

נישט אָנווערן דאס מאָלאַכטס

'אשרי מי שמוחו משוטט בדבריו ז"ל'

א הויב אויף די אויגן

דער גביר פון מאסקעווע

"אִם יִפֹּלוּ - הָאֶחָד יָקִים אֶת חֲבֵרוֹ"

'מן הגדול שבגדולים
עד הקטן שבקטנים'

לקבל נקודת חברו גם כשאינו אצלו

'שיחת חברים' באמצע
העבודה של יום כיפור

ס'וועט זיך שוין רעדן...

זיך אַן עצה געגעבן

'שוין' אנהויבן ווערן עלטער...

גם באכילה יכולים להתקרב להשי"ת

'אט דאס זענען אונזערע שוסטערס!'

מכון טעם זקנים


הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

(ארה"ק: 072-257-3456)



©

כל הזכויות שמורות



לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**


כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30

יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

**בקו 'מערכת ברסלב'**

ארה"ק: 02.560.7387

ארה"ב: 646.585.2985

ענגלאנד: 0330.390.0487

בעלגיע: 03.808.1775

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #138**

בס"ד

# פרשת פקודי (ח"ב)

## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 151#)

## 'לבושים' - הנסיון בזמנינו

[המשך שיחה על-פי ליקוטי מוהר"ן מאמר נ"ו, ח"ב[א]]

עס ווערט ווארעמער, עס גייט א זומער, א געוואלד! היינט האט מען געגעבן א נסיון אויף די לבושים - דער אויבערשטער זאל אפהיטן - די לבושים, די לבושים, עס איז דאך א געוואלד.

טאקע דער היינטיגער זוהר אין פקודי[ב] האט צו טוהן מיט די לבושים א געוואלד; מיט יעדן 'דבר טוב' וואס א איד טוהט - מאכט ער א לבוש, וואס אט די לבושים גיט מען אים - 'אט דאס איז דיינע לבושים, דאס האסטו!' מען קען אים נישט געבן קיין אנדערע - 'אט די לבושים האסטו זיך צוגעגרייט'. און חלילה פארקערט, איז שוין אנדערע לבושים[ג].

---

[א] ח"א נדפס בטעם זקנים קונטרס קל"ד.

[ב] דף רכט:

[ג] עיין שיחות הר"ן אות כ"ג: עָנָה וְאָמַר: הָרַחֲמָנוּת שֶׁל הָעוֹלָם הַזֶּה הַכֹּל רוֹאִין, וּבִשְׁבִיל זֶה הַכֹּל רוֹדְפִין אַחַר הָעוֹלָם הַזֶּה. כִּי רוֹאִין כְּשֶׁהָאָדָם רָעֵב וְצָמֵא וְכַיּוֹצֵא קָשֶׁה לוֹ מְאֹד וְיֵשׁ רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עָלָיו. וְכֵן מִי שֶׁהוֹלֵךְ עֵרֹם וְיָחֵף יֵשׁ רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עָלָיו. אֲבָל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ עֵינַיִם וְרוֹאֶה גֹּדֶל הָרַחֲמָנוּת שֶׁיֵּשׁ עַל הַנְּשָׁמוֹת שֶׁבָּעוֹלָם הַבָּא, כִּי שָׁם בָּעוֹלָם הַבָּא נִמְצָאִים בְּנֵי אָדָם שֶׁהוֹלְכִים עֲרֻמִּים מַמָּשׁ וְאִי אֶפְשָׁר לְרַחֵם עֲלֵיהֶם כְּלָל. כִּי בָּעוֹלָם הַזֶּה כְּשֶׁהָאָדָם עֵרֹם בְּלֹא מַלְבּוּשׁ אֲזַי אֶפְשָׁר לְקַבֵּץ נְדָבוֹת עֲבוּרוֹ וְלַעֲשׂוֹת לוֹ קַאפְטִין. אֲבָל בָּעוֹלָם הַבָּא מִי שֶׁהוֹלֵךְ עֵרֹם אִי אֶפְשָׁר לְרַחֵם עָלָיו כְּלָל. כִּי שָׁם אֵין מוֹעִיל שׁוּם רַחֲמָנוּת כִּי אֵיזֶה מַלְבּוּשׁ הוּא צָרִיךְ? הֲלֹא הוּא רַק מַלְבּוּשׁ שֶׁל תּוֹרָה וּמִצְוֹות וְלָזֶה אֵין מוֹעִיל שָׁם רַחֲמָנוּת, וכו' עיי"ש.

אז רבי שמעון בר יוחאי ענדיגט די ז' היכלין דקדושה אין זוהר[ד], הויבן זיך אָן די ז' היכלין דטומאה, עס טוהט זיך דארט א געוואלד - אויף יעדער זאך איז שוין דא א לבוש - זיי האבן שוין לבושים פאר דעם מענטש וואס קומט אהינצו. און די קדושה האט אויך לבושים.

ווער איז 'גובר'? "נצח"!

דער רבי איז 'נצח'![ה]

רעד פאר השם יתברך! רעד פארן אויבערשטן - 'געוואלד, עד מתי?!'. רעד פארן אויבערשטן - ווען די דיבורים גובר זיין אז דו וועסט האבן 'לבושים דקדושה'! אפילו דו פאלסט דורך און זיי כאפן דאס צו און מאכן דערפון א לבוש, רעד עס אבער אוים פאר השם יתברך![ו].

❖

## נישט אָנווערן דאס מאָלאַכטס

וואס מען קען דא מרוויח זיין מיטן דיבור איז א געוואלד! א געוואלד! מען קען דא מרוויח זיין מיטן דיבור!

איך בין געווען אמאל מיט ר' אברהם ר' נחמן'ס דארטן אין א וואָק-זאַל (- באן סטאנציע), האט ער שוין גערעדט צום אויבערשטן. איך בין אבער געשטאנען אזוי. (האט

[ד] דף רס:

[ה] עיין כוכבי אור - חכמה ובינה מ"ז.

[ו] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, י"ד: צָרִיךְ כָּל אָדָם אֲפִלּוּ בְּמַדְרֵגָתוֹ הַשְּׁפֵלָה לֵידַע וּלְהַאֲמִין **שֶׁבְּוַדַּאי הוּא מְנַצֵּחַ הַרְבֵּה עַל יְדֵי כָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר** שֶׁל שִׂיחָה וְהִתְבּוֹדְדוּת וְכוּ' שֶׁאוֹמֵר **כִּי זֶהוּ נִצָּחוֹן נִצְחִי שֶׁנִּשְׁאָר לְעוֹלְמֵי עַד וּלְנֵצַח נְצָחִים** וְאִם יִהְיֶה חָזָק בָּזֶה שֶׁעַד שֶׁתֵּצֵא נַפְשׁוֹ מַמָּשׁ יַעֲסֹק בָּזֶה יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה וְיַעֲבֹר עָלָיו מָה **בְּוַדַּאי** יְנַצֵּחַ הַמִּלְחָמָה בְּחַסְדּוֹ הַגָּדוֹל. וּכְמוֹ שֶׁבְּמִלְחָמָה גַשְׁמִית הָעִקָּר הוּא חֹזֶק הַלֵּב שֶׁל אַנְשֵׁי הַחַיִל שֶׁלֹּא יְאַבְּדוּ לְבָבָם, וְיֵשׁ עַל זֶה כַּמָּה לִמּוּדִים לְחַזֵּק לֵב אַנְשֵׁי הַצָּבָא הַיּוֹצְאִים בַּמִּלְחָמָה, כְּמוֹ כֵן הוּא מַמָּשׁ בְּעִנְיָן זֶה גַּם כֵּן, שֶׁצְּרִיכִין לְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּכָל עֵת מְאֹד וְלֵידַע וּלְהַאֲמִין וּלְהַזְכִּיר זֹאת בְּעַצְמוֹ גַּם כֵּן בְּפֶה מָלֵא, **שֶׁאֵיךְ שֶׁהוּא יֵשׁ כֹּחַ גָּדוֹל מְאֹד לְהַדִּבּוּר לְנַצֵּחַ כָּל הַמִּלְחָמוֹת דִּקְדֻשָּׁה.**

ער זיך אנגערופן:) **"פארוואס האלסטו פארמאכט דאס מויל? א מיל אז זי מאלט נישט, ווערט זי אָן מאֲלאַכטס; פארוואס האלסטו פארמאכט דאס מויל?!"**.

אמאל האלט מען נאך אפן דאס מויל און מען רעדט דברים בטלים, דאס איז נאך ערגער - דער אויבערשטער זאל אפהיטן. עס שטייט אין די תורה[ז]: "כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשֹׂתוֹ"! מיט פיסק און מיט הארץ! די תורה איז נישט ווייט, עס איז נישט 'בַשמים', נאר 'כי קרוב אליך הדבר מאוד'; מיט וואס? 'בפיך ובלבבך'. דער רבי האט געזאגט[ח]: "מיט פיסק און מיט הארץ!" עס איז נאנט צו דיר!

מיר האבן דאך דאס מויל, און מיר האבן אויך דאס הארץ - **"דו האסט א הארץ - נאר דו באהארצט עס נישט!"**[ט] מיטן מויל ווערט דאס הארץ באהארצט! דאס מויל מאכט דאס הארץ פאר א הארץ!

מיר האבן אלעס; פון דאס וואס צדיקים זענען געווארן צדיקים דאס האבן מיר אויך - זיי זענען געווארן מיטן מויל און מיטן הארץ[י] - מיר האבן אויך א מויל מיט א הארץ; נאר וואס דען, מיר ניצן נישט אוים דאס מויל מיטן הארץ אזוי ווי 'זיי' האבן דאס אויסגענוצט.

---

[ז] דברים ל, יד.

[ח] עיין חיי מוהר"ן אות רצ"ה: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר אִלּוּ הָיִינוּ רוֹאִין אוֹצָר הָיִינוּ רָצִים בְּוַדַּאי אֵלָיו וְהָיִינוּ חוֹפְרִים וּמְלַכְלְכִים עַצְמֵנוּ בְּרֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל לַחְתֹּר אַחֲרָיו וּלְמָצְאוֹ. וַהֲלֹא אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם וּמַדּוּעַ לֹא יִהְיוּ לְהוּטִים וְרָצִים אַחֲרַי לְקַבְּלוֹ. וְשָׁאֲלוּ אוֹתוֹ אֵיךְ אֶפְשָׁר לְקַבֵּל וְהֵשִׁיב עִם הַפֶּה וְהַלֵּב צְרִיכִין לַחְתֹּר וּלְבַקֵּשׁ (מִיטְן פִּיסְק אוּן מִיטְן הַארְץ) בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ.

[ט] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ל': דִּבֵּר פַּעַם אַחַת מִתַּבְעֵרַת הַלֵּב שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם שֶׁהוּא הָיָה הָרִאשׁוֹן שֶׁזָּכָה לַעֲבֹד אֶת בּוֹרְאוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה בִּמְסִירַת נֶפֶשׁ וּלְפַרְסֵם שְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ וְיִתְעַלֶּה בָּעוֹלָם וּבְתוֹךְ שִׂיחָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה עָנָה אֶחָד לְפָנָיו בִּלְשׁוֹן צַעַר וּגְנִיחָה, הַהֵיאַךְ לוֹקְחִין לֵב כָּזֶה?, גָּעַר בּוֹ מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל וְאָמַר אֵלָיו: גַּם אַתָּה יֵשׁ לְךָ לֵב כָּזֶה אֶלָּא שֶׁאֵין אַתָּה מְלַבֵּב אוֹתָהּ. **דוּ הָאסְט אוֹיךְ דָּאס הַארְץ נוֹר דוּ בַּאהַארְצְט עֶס נִיט!** כִּי הַבְּחִירָה חָפְשִׁית אֵצֶל כָּל אָדָם. וְכָל אָדָם אֲפִלּוּ הַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים יֵשׁ בְּכֹחוֹ לִזְכּוֹת לַמַּדְרֵגָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבַּגְּדוֹלוֹת וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זַ"ל (תָּנָא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק כ"ה) שֶׁצָּרִיךְ כָּל אָדָם לוֹמַר 'מָתַי יַגִּיעוּ מַעֲשַׂי לְמַעֲשֵׂה אֲבוֹתַי'.

[י] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק': **וְהָיָה מַזְכִּיר כַּמָּה וְכַמָּה צַדִּיקִים מְפֻרְסָמִים אֲמִתִּיִּים וְאָמַר, שֶׁכֻּלָּם לֹא בָּאוּ לְמַדְרֵגָתָם כִּי אִם עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת.** גם עיין שיחות הר"ן אות קנ"ד: גַּם אָמַר שֶׁדִּבֵּר עִם כַּמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים וְאָמְרוּ גַּם כֵּן **שֶׁלֹּא הִגִּיעוּ לְמַדְרֵגָתָם כִּי אִם עַל יְדֵי עִנְיַן פְּרַאסְטִיק** שֶׁעָסְקוּ בַּעֲבוֹדָתָם בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר **בְּהִתְבּוֹדְדוּת וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ** וְכוּ', **וְעַל יְדֵי זֶה הִגִּיעוּ לְמַה שֶּׁהִגִּיעוּ אַשְׁרֵי לָהֶם.**

מיר וועלן דען זאגן אז זיי זענען געבוירן געווארן באלד צדיקים?! אז דער טאטע איז געווען א צדיק איז ער טאקע געבוירן געווארן בקדושה ובטהרה, איז אים אוודאי געווען גרינגער, אבער ער האט געהאט געגוג, ער האט אויך געהאט נסיונות, אויף יעדער רגע, ביי יעדן טריט[יא].

❖

## 'אשרי מי שמוחו משוטטות בדבריו ז"ל'

דעם רבי'נס ספרים האבן א גרויסן כח! מען דארף זיין קלאר אין דעם רבי'נס ספרים! אז מען גייט אין גאס - 'דער רבי טייטשט איין א מאמר חז"ל', 'דער רבי טייטשט איין א פסוק'. אז מען זאגט תהלים און מען קומט צו א פסוק וואס דער רבי טייטשט אים איין, דארף איך געדענקען אז דער רבי טייטשט אזוי דעם פסוק. איך דארף געדענקען דעם טייטש ווי אזוי דער רבי טייטשט דעם "רבה בר בר חנה", ווי אזוי דער רבי טייטשט איין די "סבי דבי אתונא", דעם "ספרא דצניעותא". אז איך גיי אין גאס, נעם איך א געדאנק פון א 'רבה בר בר חנה' ווי דער רבי טייטשט אים אויס.

מען דארף זיך זוכן עצות אז מען זאל נישט אפלאזן דעם געדאנק. מען קען ווערן א בעל מח דורכן רבי'ן![יב]

---

[יא] עיין שיחות הר"ן אות קס"ה: וְאָמַר: זֶהוּ הַחִסָּרוֹן שֶׁלָּכֶם, **שֶׁנִּדְמֶה לָכֶם שֶׁעִקַּר גְּדֻלַּת וְהַשָּׂגַת הַצַּדִּיקִים הַגְּבוֹהִים הוּא רַק מִצַּד הַנְּשָׁמָה הַגְּבוֹהָה שֶׁיֵּשׁ לָהֶם כִּי בֶּאֱמֶת לֹא כֵן הַדָּבָר**, רַק כָּל אֶחָד וְאֶחָד יָכוֹל לִזְכּוֹת לָבוֹא לְמַדְרֵגָתִי לִהְיוֹת כָּמוֹנִי מַמָּשׁ. כִּי הָעִקָּר תָּלוּי רַק בִּיגִיעוֹת וַעֲבוֹדוֹת בֶּאֱמֶת. וְכֵן שָׁמַעְתִּי גַּם כֵּן כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ כַּמָּה פְּעָמִים. גם עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ח: כָּל אֵלּוּ הַנְּפִילוֹת וְהַיְרִידוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה צְרִיכִים בְּהֶכְרֵחַ לַעֲבֹר בָּהֶם, קֹדֶם שֶׁנִּכְנָסִין בְּשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה, **וְגַם הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים עָבְרוּ בְּכָל זֶה**. גם עיין ליקוטי הלכות הל' אונאה ה"ג אות א': **הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים זָכוּ לְהִתְחַכֵּם וּלְהִתְגַּבֵּר לִבְלִי לִפֹּל מִשּׁוּם יְרִידָה וּנְפִילָה שֶׁבָּעוֹלָם רַק הִתְחַזְּקוּ עַצְמָן בְּכָל פַּעַם אַף עַל פִּי שֶׁעָבַר עֲלֵיהֶם מַה שֶּׁעָבַר וְעַל יְדֵי הִתְחַזְּקוּת שֶׁלָּהֶם** (שֶׁקּוֹרִין דֶּער הַאלְטִין זִיךְ) **זָכוּ לְמַה שֶּׁזָּכוּ, אַשְׁרֵי לָהֶם.**

[יב] עיין חיי מוהר"ן אות שמ"ז: פַּעַם אַחַת הָיָה מְזָרֵז אֶת אֶחָד לִלְמֹד אֶת סִפְרוֹ. וְאָמַר שֶׁהוּא מִצְוָה גְּדוֹלָה לִלְמֹד סִפְרוֹ הַרְבֵּה. וְאָמַר לוֹ **שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל מֹחַ גָּדוֹל עַל יְדֵי סִפְרוֹ**, כִּי יֵשׁ בּוֹ שֵׂכֶל גָּדוֹל וַעֲמֻקּוֹת נִפְלָא מְאֹד עַל פִּי פְּשׁוּטָן שֶׁל דְּבָרִים. וְגַם אִם יַתְמִידוּ בִּסְפָרָיו יְכוֹלִין לִזְכּוֹת לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, וְאָז יִזְכֶּה לִרְאוֹת הַפְּנִימִיּוּת שֶׁיֵּשׁ בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים כִּי יֵשׁ בָּהֶם פְּנִימִיּוּת הַרְבֵּה מַה שֶּׁאֵין נִרְאֶה עַל פִּי פְּשׁוּטוֹ כְּלָל. **אַשְׁרֵי הַזּוֹכֶה לִלְמֹד וּלְהַתְמִיד בָּהֶם הַרְבֵּה.**

**רבי נתן זאגט[יג]: "'אשרי' - וואויל איז דער וואס זיין מח איז משוטט אין דעם רבי'נס דיבורים!".**

**עס איז דאך טאקע אזוי, אויב איך וועל נישט טראכטן פון רבי'ן, וואס דען וועל איך טראכטן? איך וועל דאך טראכטן עפעס אנדערש... אין מח מוז דאך עפעס ליגן, אדער מחשבות טובות, אדער פארקערט. דער מח שטייט נישט ליידיג, דער מח איז אזוי ווי דער 'אום-רוה'[יד] פון א זייגער, קיין איין רגע רוהט עס נישט - אדער 'דאס', אדער 'דאס'!**

**א רגע איז געוואלדיג חביב ביים אויבערשטן! א רגע! כאפ דיר א רגע!**

**דער מענטש וואס ביי איז אים חשוב א רגע - דער בטל'ט נישט! דער וואס ער איז זיך באמת מחיה מיט א נקודה טובה קען נישט זיין אז ער זאל אפלאזן - 'איך קען דאך כאפן נאך נקודות טובות!'.**

**אויב עס איז מיר טייער די נקודה טובה - ווי קען זיין איך זאל אוועקגעבן די צייט? - ער בטל'ט נישט. פארוואס בטל'ט מען? ווייל עס האט נישט ביי מיר קיין חשיבות די נקודות טובות; מילא אז איך וועל האבן צייט עפעס א דריי שעה - קען איך עפעס אפלערנען, אבער אז איך האב דארטן נאר פינעף מינוט - וואס איז דען פינעף מינוט?!...[טו]**

❖

[יג] גם עיין חיי מוהר"ן אות פ"ג: **כִּי הוּא זְכוּת גָּדוֹל לְהָאָדָם כְּשֶׁזּוֹכֶה שֶׁיִּהְיוּ מַחְשְׁבוֹתָיו מְשׁוֹטְטוֹת בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא מְאֹד אֲשֶׁר אֵין עֲרֹךְ אֵלָיו.**

[יד] עיין חיי מוהר"ן מ"ד: סִפֵּר לִי אִישׁ אֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ שֶׁפַּעַם אַחַת דִּבֵּר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עִמּוֹ מֵעִנְיָן זֶה וְאָז בֵּאֵר קְצָת יוֹתֵר. וְאָמַר שֶׁהַמַּחֲשָׁבָה נִבְרֵאת שֶׁלֹּא תִּהְיֶה נָחָה לְעוֹלָם, וְהוּא כְּמוֹ הָאֵינוֹ נָח שֶׁבְּאֶבֶן הַשָּׁעוֹת (שֶׁקּוֹרִין **אום-רוה**) (של ה'זייגער') שֶׁאֵינוֹ נָח לְעוֹלָם. וַאֲפִלּוּ בִּשְׁעַת שֵׁנָה הַמַּחֲשָׁבָה חוֹשֶׁבֶת לְעוֹלָם, רַק שֶׁכְּשֶׁהַשֵּׁנָה חֲזָקָה עַל הָאָדָם אָז הוּא שׁוֹכֵחַ מַה שֶּׁחָשַׁב, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין הַמַּחֲשָׁבָה שׁוֹבֶתֶת לְעוֹלָם. וְעַל כֵּן עַל יְדֵי שֶׁמַּטִּין הַמַּחֲשָׁבָה לְמַחֲשָׁבָה אַחֶרֶת כִּרְצוֹנוֹ, עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִין לְבַטֵּל וּלְהִתְגַּבֵּר עַל כָּל הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וְהִרְהוּרִים וּבִלְבּוּלִים.

[טו] עיין אבניה ברזל - שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת אות ס"ה, מה שאמר רביז"ל למוהרנ"ת בתחילת התקרבותו "**אביסעלע איז אויך גוט**" שעי"ז נעשה מתמיד ביותר.

# א הויב אויף די אויגן

עס איז דא די מעשה פון רבי נתן'ען - "ג-ר-ו-י-ס-ע פינעף מינוט!" דאס איז אונז א לימוד אז פינעף מינוט איז א גרויסע זאך - 'גרויסע פינעף מינוט!'.

עס איז געווען אמאל א פרייטאג פאר ליכט-בענטשן. רבי נתן האט אוועקגעלייגט די הענט אויף דער מזוזה און געזאגט צו ר' נחמן טולטשינער: "**אז עס וועט זיין פינעף מינוט זאלסטו מיר זאגן אז עס איז פינעף מינוט!**".

ר' נחמן איז געווען דעמאלט צו סארטירן ביי רבי נתן'ען אין שטוב פרייטאג פאר נאכט, אלעס מסדר זיין, די צייט איז ביי אים ממש דעמאלט געווען - - ער האט גענדארפט האבן די פינעף מינוט. האט ער אלעמאל געקוקט אויפן זייגער צו עס איז שוין פינעף מינוט. אז עס איז געווארן פינעף מינוט האט ער געזאגט רבי נתן'ען.

האט רבי נתן א זאג געגעבן: "**נחמן, ג-ר-ו-י-ס-ע פינעף מינוט!**".

"גרויסע פינעף מינוט". אז עס איז געווען ביי אים די צייט חשוב, איז א גאנצער געשעפט געווען ביי אים 'פינעף מינוט'.

(ר' נחמן בורשטיין: וואס איז טאקע געווען ביי רבי נתן'ען - ער האט משלים געווען צו וואס?) 'וואס' - ווייסט מען נישט. אונזערע לייט זאגן, ער האט פשוט געוואלט ווייזן א לימוד אז פינעף מינוט איז זייער גרויס; כאטש ר' נחמן'ען איז געווען פארנומען דארטן מיט הייליגע זאכן - ביי רבי נתן'ען אין שטוב צוגרייטן אויף פרייטאג פאר נאכט - אלץ מאכן סדר - אז ער האט אזוי פיל מאל געקוקט אויפן זייגער, און רבי נתן האט געוואוסט דאס דאזיגע, פונדעסטוועגן, "נחמן, גרויסע פינעף מינוט!".

**זעען מיר דאך ארויס וואס פינעף מינוט איז!**

פארוואס גייט אוועק 'פינעף מינוט'? ווייל, וואס איז דען פינעף מינוט? א לאַך, א שטופ - און שוין אוועק... וואס איז פינעף מינוט?! 'עס איז גארנישט פינעף מינוט' - דאס איז אלץ דערפאר ווייל עס האט נישט ביי מיר קיין חשיבות קיין נקודה טובה.

פארוואס ווער איך אָן א מינוט? אין א מינוט קען איך דאך אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן! "שְׂאוּ מָרוֹם עֵינֵיכֶם"![טז]

אין א מכתב[יז] שרייבט ר' נחמן טולטשינער צו ר' יחזקאל העשיל גערשינאוו[יח]: "אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן איז א 'דבר יקר אצלו יתברך בלי שיעור'!".

❖

## דער גביר פון מאסקעווע

"אַחֲרֵי הַדְּבָרִים 'וְהָאֱמֶת' הָאֵלֶּה בָּא סַנְחֵרִיב"[יט]; נאך אזעלכע דיבורים, מען קומט זיך צונויף, און וואס רעדט מען דא? וואס רעדט מען דא? מען רעדט נאר פון דעם תכלית, מען זאל זיך נישט לאזן נאַרן, מען רעדט דאך נישט קיין לשון הרע, מען רעדט נאר פונעם תכלית - נישט זיך לאזן נארן, מען זאל זיך שטארקן, זיך האלטן מיט שמחה, דאס איז דאס אינגאנצן, תמיד האט מען דאך גערעדט נאר אויף דעם אופן.

נו, ער (- היצר הרע) וויל דאס נישט ליידן, ער וויל דאס נישט ליידן; זיך צונויפקומען און רעדן דערפון?! נאר זיך צונויפקומען - איך וויים - מיט טרונקען, לאַכן, שטופן,

---

[טז] ישעי' מ, כו.

[יז] עיי"ש, מכתבי מוהרנ"ט, מכתב ו' (נדפס בסו"ס עלים לתרופה), וז"ל שם: "וְדַע יְדִידִי אֲשֶׁר אִם יְכוֹלִין לִשְׁפֹּךְ לְבָבוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ בְּוַדַּאי מַה טּוֹב, הֵן בִּתְהִלִּים וְהֵן בִּתְפִלּוֹת וּבְהִתְבּוֹדְדוּת כַּאֲשֶׁר לִמְּדָנוּ אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, **אַךְ אִם הַלֵּב אָטוּם וְאֵין מִלָּה בְּפִינוּ בִּבְחִינַת אֵין לִי פֶּה לְדַבֵּר וְכוּ' שֶׁאָמְרוּ וְצָוְחוּ הַקַּדְמוֹנִים, אָז הָעִקָּר לִשָּׂא עֵינֵינוּ לַמָּרוֹם, אֲשֶׁר זֹאת יָקָר אֶצְלוֹ יִתְבָּרַךְ בְּלִי שִׁעוּר** כַּמְבֹאָר בְּדִבְרֵי נְבִיאִים וּבְדִבְרֵי חֲכָמֵינוּ זַ"ל.

[יח] ר' יחזקאל העשיל ב"ר משה לייב קארסינקע-גערשינאוו. היה חתן ר' איצילי מהייסין (מגדולי תלמידי מוהרנ"ת). הוא הכיר עוד את ר' נפתלי תלמיד רביז"ל והיה מרבה לספר ממנו. היה מחותנו של הרב מטשעהרין - בנו היה חתן הרב מטשערין, אולם נפטר בגיל צעיר. נלב"ע ט"ו שבט שנת תרצ"ד למעלה מבן תשעים. (גידולי הנחל)

[יט] פַּעַם אַחַת סִפֵּר מֵעִנְיַן אֲמִתַּת מַעֲלָתוֹ הַמֻּפְלֶגֶת הַנּוֹרָאָה מְאֹד. בְּתוֹךְ דְּבָרָיו עָנָה וְאָמַר, **אַחֲרֵי הַדְּבָרִים וְהָאֱמֶת הָאֵלֶּה בָּא סַנְחֵרִיב**, פָּסוּק הוּא בְּדִבְרֵי הַיָּמִים ב' ל"ב שֶׁמְּסַפֵּר שָׁם מֵעֹצֶם צִדְקַת יְחִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ, וְאַחַר כָּךְ מַתְחִיל הַמִּקְרָא אַחֲרֵי הַדְּבָרִים וְהָאֱמֶת הָאֵלֶּה בָּא סַנְחֵרִיב. וְהָבֵן הַדְּבָרִים אֵיךְ מְבֹאָר הֵיטֵב בְּזֶה הַפָּסוּק שֶׁדַּיְקָא אַחַר גֹּדֶל **אֲמִתַּת** צִדְקָתוֹ שֶׁל יְחִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ, בָּא עָלָיו סַנְחֵרִיב, וְהָיָה לוֹ צַעַר גָּדוֹל מִמֶּנּוּ. וּמֵעַתָּה אֵין לִתְמֹהַּ עַל גֹּדֶל הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁיֵּשׁ עַל צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים.

אבער זיך צונויפקומען און זיצן, רעדן פונעם תכלית?! - דאס טויג דאך נישט פאר אים...

❖

[(השואל: דער רבי זאגט אין דער תורה[כ] אז יעדער איד האט א מלכות סיי 'באתגליא' און סיי 'באתכסיא'; שפעטער זאגט דער רבי, די וואס האבן נישט קיין בחינת מלכות 'באתגליא' - "שבאתגליא נראה שאין לו שום ממשלה"; אנהויב זאגט דאך דער רבי אז 'יעדער איינער' האט 'באתגליא מלכות'!?) **עס איז טאקע דא דאס מלכות פון "שורר בביתו" - דאס וואס דער רבי זאגט פריער; אבער העכערע מלכות'ן - איז דא אזעלכע וואס ער האט נישט קיין העכערע מלכות'ן באיתגליא, אבער ער איז א 'מושל על כל העולם' - אפילו אויף אלע צדיקי הדור![כא]**].

❖

מען דארף האבן חברים, ווער שמועסט נאך - אין שול. אז דער בעל דבר כאפט זיך אריין אין שול אריין און מען רעדט דברים בטלים - דאס און יענץ; כאטש עס איז גוט אז ער איז מיט אלעמען, דארף מען האבן ביחוד עפעס א חבר, אפרעדן זיך מיטן חבר.

איך בין געוועזן אין מאסקעווע, איז געוועזן דארטן איינער עפעס א גביר, נאר א שטיקל משוגענער. טאמער ער האט אנגעכאפט איינעם האט ער אים נישט אפגעלאזט,

---

[כ] ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ו, אות א', וזל"ש: כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּחִינַת מַלְכוּת וְכָל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, כֵּן יֵשׁ לוֹ בְּחִינוֹת מַלְכוּת יֵשׁ שֶׁהוּא שׂוֹרֵר בְּבֵיתוֹ וְיֵשׁ שֶׁהוּא מוֹשֵׁל בְּיוֹתֵר וְכֵן יֵשׁ שֶׁהוּא מוֹשֵׁל עַל כָּל הָעוֹלָם כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינַת הַמַּלְכוּת שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּבְחִינוֹת: "שָׂרֵי אֲלָפִים וְשָׂרֵי מֵאוֹת וְשָׂרֵי חֲמִשִּׁים וְשָׂרֵי עֲשָׂרוֹת" (שְׁמוֹת י"ח). וּבְחִינוֹת הַמַּלְכוּת הַזֹּאת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד הִיא בְּאִתְגַּלְיָא וּבְאִתְכַּסְיָא. בְּאִתְגַּלְיָא, הַיְנוּ הַמֶּמְשָׁלָה שֶׁיֵּשׁ לְכָל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ שֶׁהוּא מוֹשֵׁל עַל אֵלּוּ הָאֲנָשִׁים בְּאִתְגַּלְיָא כְּפִי בְּחִינַת הַמַּלְכוּת שֶׁלּוֹ כַּנַּ"ל. וּבְאִתְכַּסְיָא הוּא כִּי גַּם יֵשׁ לְכָל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ בְּחִינַת מַלְכוּת בְּאִתְכַּסְיָא דְּהַיְנוּ שֶׁאַף שֶׁבְּאִתְגַּלְיָא נִרְאֶה שֶׁאֵין לוֹ **שׁוּם מֶמְשָׁלָה** עַל אֵלּוּ הָאֲנָשִׁים עִם כָּל זֶה בְּאִתְכַּסְיָא וּבְהֶעְלֵם גָּדוֹל, הוּא מוֹשֵׁל עַל אֵלּוּ הָאֲנָשִׁים כִּי נִשְׁמָתָם הֵם תַּחְתָּיו, וְנִכְנָעִים תַּחְתָּיו. וְגַם זֹאת הַבְּחִינָה שֶׁל מַלְכוּת בְּאִתְכַּסְיָא הִיא לְכָל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ בִּבְחִינַת: "שָׂרֵי אֲלָפִים, וְשָׂרֵי מֵאוֹת" וְכוּ. וְיֵשׁ אֶחָד שֶׁבְּאִתְגַּלְיָא אֵין לוֹ **שׁוּם מֶמְשָׁלָה** וְאַף עַל פִּי כֵן בְּאִתְכַּסְיָא **וּבְהֶעְלֵם גָּדוֹל, הוּא מוֹשֵׁל עַל כָּל הַדּוֹר וַאֲפִלּוּ עַל כָּל צַדִּיקֵי הַדּוֹר** כִּי כָּל נִשְׁמוֹתֵיהֶם הֵם כֻּלָּם תַּחַת מֶמְשַׁלְתּוֹ וּמַלְכוּתוֹ וְכֻלָּם נִכְנָעִים וּכְפוּפִים אֵלָיו רַק שֶׁהוּא בְּהֶעְלֵם גָּדוֹל.

[כא] עיין חיי מוהר"ן אות כ"ד: אַחַר שֶׁאָמַר הַתּוֹרָה הַנַּ"ל וְשָׁם מְדַבֵּר מֵעִנְיַן בְּחִינַת מַלְכוּת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל וְכוּ' וְיֵשׁ מַלְכוּת בְּאִתְגַּלְיָא וּבְאִתְכַּסְיָא וְכוּ' וְיֵשׁ אֶחָד שֶׁאַף־עַל־פִּי שֶׁבְּאִתְגַּלְיָא אֵין לוֹ שׁוּם מֶמְשָׁלָה אַף־עַל־פִּי־כֵן בְּאִתְכַּסְיָא וְכוּ'. **אַחַר־כָּךְ אָמַר בְּפֵרוּשׁ עַל עַצְמוֹ לָכֶם נִדְמֶה שֶׁאֵין לִי מֶמְשָׁלָה כִּי־אִם עֲלֵיכֶם, בֶּאֱמֶת אֲנִי מוֹשֵׁל אֲפִלּוּ עַל כָּל צַדִּיקֵי הַדּוֹר רַק שֶׁהוּא בְּאִתְכַּסְיָא.**

ער האט געקענט אפרעדן - ווייס איך וויפיל. האט מען שוין געוואוסט - אלע האבן אפגערעדט - 'טאמער רעדט ער מיט איינעם - וועסטו צוקומען צו יענעם און אים אוועקרוקן - "איך האב געדארפט עפעס האבן פון דיר!'"... שוין, אוועקגעגאנגען. טאמער נישט - האט ער צוגעהאלטן, ער האט נישט אפגעלאזט.

(ר' נחמן: וואס האט ער גערעדט?) איך ווייס? מסחר, דאס-יענץ. ער האט גערעדט געפלאפלט, א גרויסער גביר געווען.

דאס דארף זיין חברים, האבן א חבר אז טאמער זעהט מען עפעס אזוי - 'קום, איך דארף עפעס רעדן מיט דיר!'. אפגעהאקט.

דאס איז א געוואלדיגע זאך, מען רעדט דאך אלץ וועגן דאס גרויסקייט פון דעם 'דיבור'! אז דער דיבור איז וואלוול (- ביליג) - אוי וואס עס טוהט זיך דעמאלט!

מען פארגעסט א משנה קדושה אין "אבות"[כב], עס איז נישטא קיין שום חולק, [די מוסר (של מסכת אבות) איז 'הלכה למשה מסיני' - אזוי זאגט דער רע"ב באלד ביים אנהויב[כג] - "די מוסר פון אבות איז אויך הלכה למשה מסיני"]; "שנים שיושבים ואין ביניהם דברי תורה, הרי זה מושב לצים!" - א 'הלכה למשה מסיני'! - אז עס זיצן צוויי מענטשן און רעדן נישט קיין דברי תורה, איז דאס א 'מושב לצים'!

געוואלד געוואלד! "וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב"!

דאס איז א 'מושב לצים' - וואס זיי זאלן נאר רעדן; אז עס זיצן צוויי מענטשן און רעדן נישט קיין תורה איז עס א 'מושב ליצים' - דאס איז א מאמר אין "אבות" - געזאגט געווארן מיט רוח הקודש! א הלכה למשה מסיני!

---

[כב] פ"ג, מ"ב.

[כג] וזל"ש: משה קבל תורה מסיני - אומר אני לפי שמסכת זו אינה מיוסדת ע"פ מצוה ממצות התורה כשאר מסכתות שבמשנה אלא כולם מוסרים ומדות וחכמי העולם ג"כ חברו ספרים כמו שהמציאו מלבם בדרכי המוסר כיצד יתנהג האדם עם חברו, לפיכך התחיל התנא במסכת זו, משה קבל תורה מסיני לומר לך **שהמדות והמוסרים שבזו המסכת לא בדו אותם חכמי המשנה מלבם אלא אף אלו נאמרו בסיני.**

ווי מעג מען מזלזל זיין אין אזא מאמר?![כד]

**אבער, "שנים שיושבים ויש ביניהם דברי תורה, שכינה שרויה ביניהם" - אַה! וואס צוויי מענטשן קענען זוכה זיין - שכינה שרויה ביניהם!**

❖

## "אִם יִפֹּלוּ - הָאֶחָד יָקִים אֶת חֲבֵרוֹ"

דער רבי רעדט דארטן אין א תורה[כה] פון "זכרון". דער ענין פון זכרון איז כלול אין אלע ענינים; עס איז דא דער זכרון 'בכלל' - 'זכרון בעלמא דאתי'; און דער זכרון איז אויך אז איינער זאל דעם צווייטן דערמאנען - דאס איז אויך א געוואלדיגע זאך, ווארום א מענטש איז דאך נאך נישט קבוע'דיג, ממילא, אז 'דער' לאזט זיך אפ - דערמאנט אים 'דער'[כו].

אין דעם היינטיגן זוהר אין פקודי[כז] איז דא, רבי אלעזר און רבי יצחק און רבי יהודה, זענען געגאנגען אויפן וועג. האט זיך אנגערופן ר' אלעזר, "לאמיר אנהויבן לערנען תורה, ווייל אז נישט וועט די שכינה נישט זיין מיט אונז!". דאס איז עפעס א קליינקייט - "ר' אלעזר"?! - 'אויב מיר וועלן נישט אנהויבן קיין תורה וועט די שכינה נישט זיין מיט אונז!' האבן זיי שוין אנגעהויבן ווייטער לערנען תורה.

---

[כד] עיין פלא יועץ - ערך ליצנות: אמנם יש רעה חולה שכמעט אין אדם ניצול ממנה והוא מארז"ל שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה הרי זה מושב לצים וזה אפילו תינוקות של בית רבן יודעין אותו שקורין פרקי אבות בבית הכנסת ואין איש שם על לב להזהר ועל הכל יביא אלקי"ם במשפט אם מאמין בדברי רז"ל ואינו מקיים או אינו מאמין ואוי מי יחיה בקום למשפט אלקי"ם.

[כה] ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ד, אות ב': כִּי צְרִיכִין לִשְׁמֹר מְאֹד אֶת הַזִּכָּרוֹן, שֶׁלֹּא יִפֹּל לְשִׁכְחָה, בְּחִינַת מִיתַת הַלֵּב. וְעִקַּר הַזִּכָּרוֹן הוּא לִזְכֹּר תָּמִיד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי, שֶׁלֹּא יִהְיֶה בְּדַעְתּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁאֵין עוֹלָם אֶלָּא אֶחָד, וכו' עיי"ש.

[כו] וכענין הכתוב בקהלת ד, ט-י: **טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד אֲשֶׁר יֵשׁ לָהֶם שָׂכָר טוֹב בַּעֲמָלָ, כִּי אִם יִפֹּלוּ הָאֶחָד יָקִים אֶת חֲבֵרוֹ, וְאִילוֹ הָאֶחָד שֶׁיִּפּוֹל וְאֵין שֵׁנִי לַהֲקִימוֹ.** גם עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, אות ו': **בְּכָל עֵת שֶׁפּוֹגְעִין בְּאֵיזֶה אָדָם בִּפְרָט בַּחֲבֵרוֹ הֶחָבִיב עָלָיו, צְרִיכִין תֵּכֶף לְהַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ בְּתַכְלִית הָעוֹלָם הַבָּא, כִּי מֵהָאָדָם יְכוֹלִין לְהָבִין וְלִשְׁמֹעַ בְּיוֹתֵר רְמָזִים שֶׁהֵם בְּחִינַת זִכָּרוֹן הַנַּ"ל.**

[כז] דף רלב:

**זעהט מען דאך, אזוי איז עס, אזוי איז עס אז מען לאזט זיך אפ. מען פילט טאקע נישט דעם גודל ההפסד, אבער די הייליגע ספרים - דער זוהר הקדוש, דער רבי'נס ספרים - זיי שרייען 'געוואלד - מען זאל נישט אפלאזן!'.**

**דארף מען האבן טאקע די דאזיגע דריי נקודות וואס דער רבי רעדט[כח], דעמאלט ווער איך געבונדן מיט די דריי נקודות: מען בינדט 'מיר' - אויב איך בין אליין קען איך רעדן צום אויבערשטן; און איך האב די ספרים פונעם רבי'ן** (- נקודת צדיק)**; און מיט א חבר - מען לאזט מיר נישט אפ.**

(ר' נחמן: דער רבי זאגט[כט], די שכינה איז תורה שבעל פה. ווייזט אויס, אז צוויי אידן רעדן תורה איז מען ממשיך די שכינה!) **אוודאי אזוי, דאס איז דאך א געוואלד!**

**אז מיר זענען אין דעם עולם קענען מיר נישט וויסן דאס גרויסקייט דערפון, אבער צדיקים האבן געוואוסט, מיר דארפן נאר גלויבן אז עס איז א געוואלדיגע זאך דאס רעדן צום אויבערשטן דיבורים, רעדן דברי תורה. און ווייטער דער גודל הקלקול אז מען רעדט אנדערע דיבורים - מיר ווייסן נישט דאס גרויסקייט** (של הפגם)**!**

**אין דעם היינטיגן זוהר[ל] פון די "ז' היכלות דטומאה" - אוי אוי, וואס עס ווערט פון דיבורים פגומים! געוואלד, געוואלד! דער זוהר זאגט, עס גייט ארויס א כרוז אין די עולמות - 'דער מענטש איז בנידוי - ער האט מנבל געווען 'את פיו'!' פערציג טעג ווערן נישט נתקבל זיינע תפילות. ערשט נאך די פערציג טעג איז מען אים מבטל דעם נידוי, מען רופט אויס אז עס איז שוין מותר געווארן; אבער ווען? אז ער האט אין די פערציג טעג נישט נאכאמאל געזינדיגט.**

**געוואלד! וואס טוהט זיך דא?! אזעלכע דיבורים מיט רוח הקודש!**

---

[כח] עיין ליקוטי מוהר"ן סימן ל"ד, אות ח': "נִמְצָא שֶׁעַל יְדֵי **שָׁלֹשׁ** בְּחִינוֹת אֵלּוּ, הַיְנוּ **הִתְקַשְּׁרוּת הַצַּדִּיקִים**, וְהֵם יָאִירוּ בּוֹ, כִּי הֵם הַנְּקֻדָּה כְּלָלִיּוּת יִשְׂרָאֵל, וִיעוֹרְרוּ אֶת לִבּוֹ. וְגַם עַל יְדֵי **שֶׁיְּדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ**, יָכוֹל גַּם כֵּן כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְהָאִיר וּלְעוֹרֵר לֵב חֲבֵרוֹ. וְגַם עַל יְדֵי עַצְמוֹ, **שֶׁמְּדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ**, יָכוֹל גַּם כֵּן לְעוֹרֵר אֶת לְבָבוֹ".

[כט] ליקוטי מוהר"ן סי' י"ב אות א', ועוד.

[ל] דף רמט:

מוז מען דאך טאקע זיין ארומגענומען אין אלע צייטן מיט א חבר, און מיט די ספרים, און מיט דיבורים צום אויבערשטן.

דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל מאריך ימים זיין, עס איז דאך א מלחמה אויף כסדר. מען וויל דאך האבן אריכות ימים, טאר מען זיך נישט אפלאזן טאקע. ביי יעדער זאך איז דער (עיקר) דער 'הרגל'; אז דער אויבערשטער העלפט אז מען איז זיך טאקע מרגיל, איז שוין גרינגער.

❖

## 'מן הגדול שבגדולים עד הקטן שבקטנים'

דער רבי זאגט[לא]: "מקטן ועד גדול!". "מקטן ועד גדול"; דער רבי איז געווען אז מין 'טוב עין' אז אלע זאכן וואס אמאל האט מען גערעדט פאר גדולים - רעדט דאס דער רבי צו יעדן איינעם, 'מקטן ועד גדול'!

'מקטן ועד גדול' דארף מען רעדן צום אויבערשטן דיבורים, 'מקטן ועד גדול' דארף מען אריינגעבן כוחות אין דאווענען, און אזוי אין יעדער זאך - זיך מרגיל זיין אין צדקה, זיך ציען צום אמת (וכדו'). יעדער איינער אין זיין ערך, וואס דער רבי רעדט א זאך, דאס מיינט מען נישט נאר דעם גרעסטן, נאר דאס מיינט מען 'יעדן איינעם', דאס רעדט מען פון דעם קלענסטן ביז צו דעם גרעסטן![לב].

---

[לא] ליקוטי מוהר"ן תניינא סימן כ"ה: וְדַע, שֶׁכַּמָּה וְכַמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים מְפֻרְסָמִים סִפְּרוּ, שֶׁלֹּא בָּאוּ לְמַדְרֵגָתָם, רַק עַל יְדֵי הַנְהָגָה זוֹ. וְהַמַּשְׂכִּיל יָבִין מֵעַצְמוֹ גֹּדֶל מַעֲלַת הַנְהָגָה זוֹ, הָעוֹלָה לְמַעְלָה לְמַעְלָה, **וְהוּא דָּבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל**, כִּי כֻּלָּם יְכוֹלִים לִנְהֹג הַנְהָגָה זוֹ, וְעַל יְדֵי זֶה יָבוֹאוּ לְמַעְלָה גְּדוֹלָה. **אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בָּזֶה.**

[לב] וכמבואר היטב בהקדמת ספה"ק ליקוטי מוהר"ן ממוהרנ"ת, וזל"ש: וְכֻלָּם כְּאֶחָד הֵם עֵצוֹת נִפְלָאוֹת. אֵיךְ לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. עַד אֲשֶׁר אֵין שׁוּם דְּבַר מִצְוָה וּקְדֻשָּׁה וְעֵצָה טוֹבָה הַנִּצְרָךְ לְכָל אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם בְּכָל דַּרְגָּא וְדַרְגָּא שֶׁלֹּא נִזְכַּר בַּסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא הַזֶּה. כִּי מְאֹד עָמְקוּ מַחְשְׁבוֹתָיו. כִּי הוּא מְדַבֵּר מִכְּלָלִיּוּת הַכֹּל בִּכְלָל וּבִפְרָט. כּוֹלֵל כָּל הָעוֹלָמוֹת וְהַדְּרָגוֹת שֶׁבָּעוֹלָם שֶׁל כָּל אָדָם, **כְּקָטֹן כְּגָדוֹל**. מִן רֵאשִׁית נְקֻדַּת הַבְּרִיאָה, שֶׁהוּא תְּחִלַּת הָאֲצִילוּת, עַד תַּכְלִית נְקֻדַּת הַמֶּרְכָּז שֶׁל עוֹלַם הָעֲשִׂיָּה הַגַּשְׁמִי שֶׁהָאָדָם עוֹמֵד עָלָיו, כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי מְקוֹמוֹ וּמַדְרֵגָתוֹ בְּאוֹתָהּ הַשָּׁעָה וְהַזְּמַן. **מִן הַגָּדוֹל שֶׁבִּגְדוֹלִים עַד הַקָּטָן שֶׁבִּקְטַנִּים**. וַאֲפִלּוּ הַמֻּנָּחִים לְמַטָּה לְמַטָּה בַּעֲשַׂר כִּתְרִין דִּמְסָאֲבוּתָא. אֲשֶׁר יָרְדוּ בַּעֲווֹנוֹתֵיהֶם עַד הַשְּׁאוֹל

איך קען טאקע נישט זאגן אז אויב איך וועל רעדן (צום אויבערשטן) וועל איך זיין 'יענער'. אז צדיקים האבן געהאט התבודדות - און איך וועל האבן התבודדות - וועל איך שוין אויך זיין א צדיק... - דו ביסט נאך נישט קיין צדיק; נאר צו דיינע איבערגייעכצער דארפסטו דאס אויך האבן, ווייל וואס מיט דיר קאכט זיך, וואס מיט דיר גייט איבער, דארפסטו האבן די רפואה וואס דער צדיק האט גענומען. אבער ער האט די רפואה גענומען דארטן צו זיינע השגות אלקות, און דו דארפסט עס נעמען צו דיינע זאכן, צו דיינע איבערגייעכצער[לג].

ברוב הזמן קענסטו אויך אויסוואקסן א צדיק, אבער איך דארף נישט האבן דעם געדאנק אז דאס איז עס - 'איך ווער שוין א צדיק'. נאר צו מיינע מכות און צו מיינע איבערגייעכצער דארף איך נעמען די רפואות וואס די גדולים האבן גענומען.

❖

## לקבל נקודת חבירו גם כשאינו אצלו

'האבן א קשר מיט נאך איינעם'. כאטש אלע האלטן זיך צוזאמען – דארף מען האבן א קשר - א בחור מיט א בחור, א יונגערמאן מיט א יונגערמאן, מען זאל האבן א קשר אז מען זאל רעדן, זיך דערמאנען, זיך אויפלעבן, אט דאס איז די נקודה פון א חבר וואס דער רבי רעדט, דאס איז א געוואלדיגע זאך.

(ר' נחמן: אין אומאן איז טאקע אזוי געווען, עס איז געווען באזונדער וואס איינער האט זיך גע'חבר'ט מיטן צווייטן?) עס איז געווען.

---

תַּחְתִּיּוֹת וּמִתַּחְתֶּיו. לְכֻלָּם יְעוֹרֵר יָקִיץ וִיחַיֶּה. לְבַל יִתְיָאֲשׁוּ, חַס וְשָׁלוֹם, מִן הָרַחֲמִים. כּוֹשֵׁל יְקִימוּן מִלָּיו וּבִרְכַּיִם כּוֹרְעוֹת יְאַמֵּץ (וְכַמְבֹאָר מִזֶּה בְּהַתּוֹרָה כִּי מְרַחֲמֵם יְנַהֲגֵם בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא בְּסִימָן ז' עַיֵּן שָׁם עַל פָּסוּק: "כִּי כֹל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ"). גם עיין שיחות הר"ן אות קל"א: שֶׁעִם כָּל תּוֹרָה וְתוֹרָה וְשִׂיחָה שֶׁלּוֹ יָכוֹל לַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הַגָּדוֹל בְּמַעֲלָה בְּתַכְלִית הַמַּעֲלָה, וְכֵן **אֲפִלּוּ הַקָּטָן וְהַפָּחוּת בְּתַכְלִית דְּיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה** יָכוֹל גַּם־כֵּן לָשׁוּב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלִמְצֹא עֵצוֹת לְנַפְשׁוֹ עַל־יְדֵי אוֹתָהּ הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ. כִּי הֵם כְּלָלִיּוּת נִפְלָא מְאֹד.

[לג] עיין חיי מוהר"ן אות ש"צ משל נאה שסיפר רביז"ל בעצמו לענין מה שמרבה לגלות תורות גבוהות כאלו לאנשים פשוטים כמונו.

די נקודה פון 'חבר', פלעגן אונזערע לייט זאגן, איז אמאל נאך שווערער ווי די נקודה פון רעדן צום אויבערשטן. ווייל די נקודה פון רעדן צום אויבערשטן איז דאך תמיד ביי זיך אליין, אבער דאס דארף מען אנקומען צו יענעם, איז דאס נאך שווערער.

(ר' נחמן: מען דארף זיך אלע טאג מתחבר זיין און רעדן פון תכלית, א חוץ דעם וואס מען רעדט צוזאמען חברים ברבים?) יא יא, דאס אליין איז אַן עקסטערע זאך - האבן א חבר - זיך חבר'ן.

(השואל: מען פלעגט רעדן אדער אויפמאכן א ליקוטי מוהר"ן?) ניין, וואס מען רעדט, א ליקוטי מוהר"ן, אזוי, וואס מען רעדט. געווענטליך אז מען וויל עפעס רעדן הויבט מען אָן רעדן פריער פון דעם רבי'ן און נאכדעם איז שוין דא דיבורים.

(ר' נחמן: ר' אברהם ר' נחמן'ס האט דאך זיכער מקיים געווען 'נקודת החבר' - ווער איז געווען זיין חבר?) איך וויים נישט.

(ר' נחמן: אין דער יוגנט האט ער נישט געהאט עפעס אַן עקסטערן חבר?) ער איז דאך א גאנצע וואך געווען אין וואלד, וויים איך נישט.

דאס לשון פון דעם רבי'ן אין תורה ל"ד איז: "וְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, יֵשׁ בּוֹ בְּחִינַת 'צַדִּיק מוֹשֵׁל' שֶׁהוּא בְּחִינַת מְלֹא פּוּם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: 'וְעַמֵּךְ (יִשְׂרָאֵל) כֻּלָּם צַדִּיקִים'. וְזֶהוּ פֵּרוּשׁ: 'יִשְׂרָאֵל מַמְשְׁלוֹתָיו', הַיְנוּ 'מִי מוֹשֵׁל בִּי צַדִּיק'. כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, דָּבָר יָקָר שֶׁהוּא בְּחִינַת נְקֻדָּה, מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ".

פון דאנעט קומט אויס, איך דארף מקבל זיין פון יענעם א התעוררות. קען זיין, למשל, אפילו איינער איז אין פעלד א גאנצע וואך, מען דארף אבער מקבל זיין א התעוררות 'מלב חברו' וואס דאס איז נישטא אין מיר.

דאס קען דאך זיין, אפילו איך רעד נישט מיט יענעם אויך. למשל, דער עובד ה' וואס א גאנצע וואך איז ער אין וואלד, ער גייט אוועק מוצאי שבת און קומט אהיים פרייטאג פאר נאכט, האט ער אויך אזעלכע מענטשן וואס ער ווייסט אז זיי האבן אין זיך אזא נקודה וואס ער האט נישט אין זיך.

דער רבי זאגט, "מען דארף מקבל זיין די נקודה וואס איז דא ביי יענעם - וואס איך האב זי נישט". איז נישט קיין ראיה אז פון דעם חבר קען איך נעמען נאר אז איך 'רעד' מיט אים[לד].

פון דאנעט קען מען זאגן, אזא עובד ה' ווי ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געוועזן, אוועקגעגאנגען מוצאי שבת און געקומען פרייטאג פאר נאכט, איז ווי האט ער מקיים געווען די נקודה פונעם חבר? - האט ער גוט געפרעגט דא. דער תירוץ איז, ער האט אלע אונזערע לייט געקענט, און ער האט געוואוסט אז עס איז דא אין יענעם א זאך וואס איך האב עס נישט, ממילא האט ער שוין געבענקט צו יענעמ'ס נקודה - ער האט אלעם געוואוסט.

מען רעדט דאך א דוגמא פון ר' אברהם ר' נחמן'ס, זאגן מיר דא, אזא מענטש ווי ער איז געוועזן, האט ער געקענט מקבל זיין פונעם חבר אפילו ער האט נישט גערעדט מיט אים, ווייל ער האט געוואוסט יעדן איינעם זיין טוב וואס ער האט אין זיך, זיין גוטס.

(אחד הנוכחים: שבת איז ער דאך אהיימגעקומען?) מען רעדט דאך, אויב איך זאג אז עס איז א חיוב צו האבן אלע טאג דעם חבר.

---

[לד] וכמו"ש בליקו"מ שם בהמשך, וז"ל: **כְּמַעֲשֵׂה 'דְּאַבַּיֵי וְאַבָּא אֻמָּנָא', שֶׁהֵשִׁיבוּ לוֹ, 'לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעָבְדָּא דְּאַבָּא אֻמָּנָא' וְכוּ'. וּבְחִינָה הַזֹּאת שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יוֹתֵר מֵחֲבֵרוֹ, הוּא מַשְׁפִּיעַ וּמֵאִיר וּמְעוֹרֵר לֵב חֲבֵרוֹ, וַחֲבֵרוֹ צָרִיךְ לְקַבֵּל הִתְעוֹרְרוּת וּבְחִינָה הַזֹּאת מִמֶּנּוּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'וּמְקַבְּלִין דֵּין מִן דֵּין'**. עיין גם בטעם זקנים קונטרס צ"ג: עס שטייט ביי די מלאכים: "**וקרא זה אל זה**"; מאכט דער תרגום: "**ומקבלין דין מן דין**". וואס איז ביי די מלאכים? יעדער מלאך איז אן אנדער ברען צום אויבערשטן. מען קען דען אויסמאלן די קדושה פון א מלאך? אזוי געברענט צום אויבערשטן, אזוי געפלאקערט צום אויבערשטן. און דער מלאך האט נאר געזעהן ווי יענער ברענט, ער האט נישט געזעהן ווי ער אליין ברענט; און יענער מלאך, ווייטער, האט געזעהן ווי 'ער' ברענט; האט דער מקבל געווען פון יענעם, און יענער פון דעם (כלומר 'בלי שידברו זה אל זה כלל'). דער מלאך האט געזעהן: אוי, אזא מין ברען ווי אזוי ער ברענט צום אויבערשטן, עפעס אזא קדושה. זאגט ער: 'ומקבלין דין מן דין' - זיי האבן מקבל געווען יעדער פון דעם אנדערן א ברען צום אויבערשטן; אבער נישט ווייל דער מלאך האט גערעדט. דער מלאך האט נאר גערעדט צום אויבערשטן - געזאגט שירה: "קדוש קדוש קדוש" - יעדער מלאך האט געזאגט "קדוש קדוש"; און יעדער איינער האט מקבל געווען פון דעם אנדערן; ער האט נאר געזעהן ווי יענער ברענט - און יענער האט געזעהן ווייטער ווי ער ברענט - אזוי האבן זיי מקבל געווען איינער פון דעם אנדערן. דאס איז אזא מין סארט אמת וואס דער אמת איז ממש אן 'אמת ברור' - איך זעה יענעמ'ס אמת און יענער זעהט מיינעם - אט דאס איז "מקבלין דין מן דין".

# ׳שיחת חברים׳ באמצע העבודה של יום כיפור

עס איז איינער געווען, ״ר׳ דוד יענקל״, ער איז געווען א חבר מיט ר׳ מאטל שוחט. (ר׳ נחמן: ער איז געווען ר׳ מאטל שוחט׳ס א שוואגער). האט ער דערציילט: מיר פלעגן זיך צונויפקומען אלע טאג און רעדן. איז אויסגעקומען, יום כיפור אינמיטן די עבודה האב איך זיך דערמאנט - ׳איצטער איז דאך דער זמן וואס איך דארף רעדן מיט מיין חבר - יום כיפור אינמיטן די עבודה!׳ - זיי האבן געהאט אַן ארט וואו דארטן פלעגן זיי זיך צונויפקומען. איז ער אוועקגעגאנגען דארטן, איז שוין דארט געזעצן ר׳ מאטל שוחט און ער האט שוין געווארט אויף אים...

האט ער געזאגט: ״מיר האבן אזוי גערעדט, אז עס איז עפעס א געוואלד געווען!״ פארשטייט זיך - ׳יום כיפור אינמיטן די עבודה׳!

די נקודה פון ׳חבר׳ איז געווען אזוי פיל גרויס, אז אזא מין התעוררות איז געווארן דארטן - עפעס א געוואלד, אז עס איז כדאי געווען (בעצם יום כיפור) - אזוי ווייט איז געווען אמאל די נקודה פון א חבר!

ער האט דאס דערציילט - ר׳ דוד יענקל - איך האב אים געקענט. ער איז געווען א ״שטעפער״ - ער פלעגט מאכן די אויבערשטע זאך פון די שיך.

מען רעדט אמאל א פרט, נישט אז איך דארף דאס נאכטוהן, נאר מיר רעדן אַן ענין, דאס גרויסקייט פון דער זאך, דאס גרויסקייט פון א חבר!

❖

רבי נתן איז דאך געווען רבי נתן, און רבי נתן האט געהאט אזעלכע חברים וואס ער פלעגט גיין צו זיי - רעדן מיט זיי, זיי האבן נישט געהאט קיין צייט צו קומען צו אים. ער האט געהאט אזעלכע תלמידים וואס זיי זענען געווען א ׳תלמיד חבר׳, ער איז געגאנגען צו זיי רעדן מיט זיי פונעם תכלית, ער האט עפעס געפילט אז קיין גרעסערע זאך איז נישטא ווי רעדן פונעם תכלית!

דער מענטש איז דאך אין דעם עולם, דער עולם איז אַן ׳עלמא דשקרא׳ - א וועלט פון שקר, און דארטן איז אַן ׳עלמא דקשוט׳. מען ליגט אין אַן עלמא דשקרא וואס וואו

איך גיב א גיי דארף איך האבן גרויס רחמים; אז איך גיי עסן און טרינקען איז דאס אין אַן עלמא דשקרא; אז איך רעד - איז דאס אין עלמא דשקרא. אבער אז מען האט א התקשרות צום 'עלמא דאתי', איז וואס איך טוה דא, האט אויך א קשר מיט 'עלמא דאתי', איז מען שוין אויך (באיזו בחינה בעלמא דקשוט).

דער רבי זאגט אין תורה ס"ו[לה]: "מען דארף ממשיך זיין דעם אמת פון עלמא דאתי".

דאס עיקר חשיבות פונעם אויבערשטן איז נאר דא אין דער וועלט! אבער ווען'זשע? אז עס האט א קשר מיט יענער וועלט; ממשיך זיין פון דארטן א חיות אין אט דעם עלמא דשקרא - אט דאס איז דער שלימות.

אז מיר קומען זיך צונויף - וואס דארף מען רעדן? קיין אנדערע דיבורים האבן מיר נישט - נאר פונעם תכלית! נישט לאזן היינטיגע מעשה'ס, געשעפטן, מיט די ראדיאס, מיט צייטונגען - דאס פארקלאפט דעם קאפ, נישט דאס איז די כוונה פון א חבר. דער בעל דבר לאקערט דערויף, ער גרייט שוין צו אנדערע דיבורים...

נאר רעדן פונעם תכלית - 'וואס איז דער תכלית? פארוואס דריי איך זיך ארום דא? וואס טוה איך דא?' - דעמאלט האט מען שוין א הרהור תשובה, קען מען שוין עפעס טוהן, אט דאס ראטעוועט אים!

דאס (- נקודת החבר) איז איינס פון די דריי נקודות וואס דער רבי רעדט דארטן; און די ספרים פונעם צדיק; און רעדן צום אויבערשטן דיבורים - אט דאס זענען די דריי נקודות.

אט דאס איז דער (צורת) 'אלף'; די 'נקודה עליונה' - דאס איז פון דעם רבי'ן - דער צדיק; די 'נקודה תחתונה' - דאס איז זיך אליין - די 'נקודת עצמו'; און דער וא"ו - דאס איז די נקודה פון דעם חבר - אט דאס איז מחבר די ביידע נקודות[לו].

---

[לה] ליקוטי מוהר"ן אות ג': **צְרִיכִין לְהַמְשִׁיךְ בְּחִינַת עָלְמָא דְּאָתֵי גַּם בָּעוֹלָם הַזֶּה**, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה מַפָּלָה לָרְשָׁעִים גַּם בָּעוֹלָם הַזֶּה, **וְזֶה נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי אֱמֶת.**

[לו] והיא ע"פ ליקוטי מוהר"ן סי' ו', אות ה', עיין שם.

דער רבי זאגט דאך, עס איז דא אין יעדן איינעם א נקודה 'מה שאין בחבירו' וואס אט די נקודה איז א בחינת 'צדיק' וואס דארטן איז שוֹרֶה די 'אהבה קדושה'. אין מיר איז דא א נקודה וואס דער אנדערער האט זי נישט אין זיך, וואס אט די נקודה איז א בחינת 'צדיק' - און דארטן איז שורה 'אהבה דקדושה'. אז איך רעד מיט איינעם, איז יענער מקבל פון מיר מיין נקודה, און איך בין מקבל פון יענעם זיין נקודה.

(השואל: נאר איין חבר?) דאס ענין פון חברים איז נישט (דווקא) איין חבר. דאס איז א באזונדערע זאך, אז מען קומט זיך צונויף, חברים, מען רעדט, איז דאך זייער גוט. נאר דאס אז איך דארף האבן באזונדער איין חבר, א חברותא איינער מיטן אנדערן, דאס איז עפעס אַן אנדערע זאך.

❖

## ס'וועט זיך שוין רעדן...

"אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה' אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ וַיַּקְשֵׁב ה' וַיִּשְׁמָע וַיִּכָּתֵב סֵפֶר זִכָּרוֹן לְפָנָיו לְיִרְאֵי ה' וּלְחֹשְׁבֵי שְׁמוֹ"[לז]. 'נדברו'; אמאל מאכט זיך אז זיי קומען זיך נישט צונויף די צוויי מענטשן ווייל ער האט נישט קיין דיבורים, ער האט נישט וואס צו רעדן. "נדברו" איז אבער דער טייטש - 'ס'ווערט גערעדט', ס'וועט זיך שוין אליין רעדן. איר קומט זיך נאר צונויף, ס'וועט זיך שוין רעדן - "נדברו" - ס'וועט זיך שוין רעדן, ס'וועט שוין מקויים ווערן דער פסוק[לח]: "וָאָשִׂים דְּבָרַי בְּפִיךָ"; דער אויבערשטער זאגט - 'איך וועל דיר אריינלייגן מיינע דיבורים אין דיין מויל אריין!'. גיי דיר נאר צונויף, וועט שוין ווערן דיבורים.

אז א מענטש וויל רעדן צום אויבערשטן און ער האט נישט קיין דיבורים - איז אויך דאס אייגענע, עס איז נישט דיין עסק, ס'וועט שוין ווערן דיבורים[לט].

---

[לז] מלאכי ג, טז.

[לח] ישעי' נא, טז.

[לט] עיין ליקוטי הלכות הל' שילוח הקן ה"ה, אות כ': עַל פִּי רֹב הַשִּׂיחָה בְּעַצְמָהּ קָשָׁה מְאֹד, כִּי מֵעֹצֶם הִתְרַחֲקוּתוֹ אֵין לוֹ דִּבּוּרִים לְדַבֵּר כַּיָּדוּעַ לְמִי שֶׁרוֹצֶה לְהַרְגִּיל עַצְמוֹ בָּזֶה, אֲבָל כְּבָר הִזְהִיר לָנוּ אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ

**מען האט דאך געלערנט די שיחה. דער רבי זאגט: "עס קען אוועקגיין 'כמה ימים' 'הרבה זמנים' וואס א מענטש האט נישט קיין דיבורים - זאל ער רעדן 'איין' דיבור אסאך מאל! אפילו 'כמה ימים' 'וכמה זמן' קען אוועקגיין און ער האט נישט קיין דיבורים! נישט איין טאג - נאר 'כמה ימים'!**

(קורא מבפנים[מ]:) **"וְאָמַר: שֶׁאֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵין יְכוֹלִין לְדַבֵּר כְּלָל, אֲפִלּוּ כְּשֶׁמְּדַבְּרִין רַק דִּבּוּר אֶחָד, גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד. וְאָמַר: שֶׁאֲפִלּוּ אִם אֵינוֹ יָכוֹל לְדַבֵּר רַק דִּבּוּר אֶחָד, יִהְיֶה חָזָק בְּדַעְתּוֹ, וִידַבֵּר אוֹתוֹ הַדִּבּוּר כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים בְּלִי שִׁעוּר וָעֵרֶךְ, וַאֲפִלּוּ אִם יְבַלֶּה כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים בְּדִבּוּר זֶה לְבַד גַּם זֶה טוֹב!"**

**מיט איין דיבור - אסאך טעג, נישט איין טאג, נאר 'כמה ימים' וועט ער מבלה זיין מיט איין דיבור - איז אויך זייער גוט!**

**איין דיבור: "רבונו של עולם, האב אויף מיר רחמנות!" ער קען מבלה זיין אויף דעם 'כמה ימים' מיט דעם איינעם דיבור אליין!**

**"אפילו אם יבלה כמה וכמה ימים בדיבור זה לבד, גם זה טוב".**

---

וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן יִתְחַזֵּק בְּכָל מִינֵי הִתְחַזְּקוּת לִנְהֹג הַנְהָגָה זֹאת בְּכָל יוֹם כַּיָּדוּעַ לָנוּ כַּמָּה וְכַמָּה הִזְהִיר עַל זֶה הַרְבֵּה, כִּי הַהֲכָנָה וְהָרָצוֹן לְבַד שֶׁמֵּכִין אֶת עַצְמוֹ וְרוֹצֶה לְדַבֵּר רַק שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְדַבֵּר גַּם זֶה יָקָר מְאֹד אֶצְלוֹ יִתְבָּרֵךְ **וְאִם יִהְיֶה חָזָק בָּזֶה הַרְבֵּה בְּוַדַּאי יַעַזְרוֹ ה' יִתְבָּרֵךְ וְיִבְרָא לוֹ דִּבּוּרִים** בִּבְחִינַת בּוֹרֵא נִיב שְׂפָתַיִם, בּוֹרֵא מַמָּשׁ, כִּי הַדִּבּוּרִים הַבָּאִים לָאָדָם הֵם בִּבְחִינַת בְּרִיאָה חֲדָשָׁה מַמָּשׁ, כִּי בְּוַדַּאי הוּא רָחוֹק מִדִּבּוּרִים מְאֹד מֵחֲמַת הִתְרַחֲקוּתוֹ, אֲבָל כְּשֶׁהוּא חָזָק וּמֵכִין עַצְמוֹ לְדַבֵּר וְלָשִׂיחַ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ וְחָזָק בָּזֶה אֵיזֶה שָׁעָה בִּרְצוֹנוֹת וְכִסּוּפִים חֲזָקִים **אֲזַי ה' יִתְבָּרֵךְ עוֹזְרוֹ וְשׁוֹלֵחַ לוֹ דִּבּוּרִים לְתוֹךְ פִּיו** שֶׁהֵם בִּבְחִינַת בְּרִיאָה חֲדָשָׁה מַמָּשׁ, שֶׁה' יִתְבָּרֵךְ בְּרַחֲמָיו בָּרָא לוֹ דִּבּוּרִים וְהִזְמִינָם לְתוֹךְ פִּיו בִּבְחִינַת בּוֹרֵא נִיב שְׂפָתַיִם, 'בּוֹרֵא' דַּיְקָא כַּנַּ"ל.

[מ] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' צ"ו: עוֹד אָמַר לְעִנְיַן הִתְבּוֹדְדוּת, שֶׁהָיָה דַּרְכּוֹ זַ"ל לְזָרֵז מְאֹד בָּזֶה לִהְיוֹת רָגִיל מְאֹד בְּהִתְבּוֹדְדוּת, לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם. וְאָמַר: שֶׁאֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵין יְכוֹלִין לְדַבֵּר כְּלָל, אֲפִלּוּ כְּשֶׁמְּדַבְּרִין רַק דִּבּוּר אֶחָד, גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד. וְאָמַר: **שֶׁאֲפִלּוּ אִם אֵינוֹ יָכוֹל לְדַבֵּר רַק דִּבּוּר אֶחָד, יִהְיֶה חָזָק בְּדַעְתּוֹ, וִידַבֵּר אוֹתוֹ הַדִּבּוּר כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים בְּלִי שִׁעוּר וָעֵרֶךְ, וַאֲפִלּוּ אִם יְבַלֶּה כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים בְּדִבּוּר זֶה לְבַד גַּם זֶה טוֹב.** וְיִהְיֶה חָזָק וְאַמִּיץ, וְיַרְבֶּה לְדַבֵּר אוֹתוֹ הַדִּבּוּר פְּעָמִים אֵין מִסְפָּר, עַד שֶׁיְּרַחֵם עָלָיו הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, וְיִפְתַּח פִּיו, וְיוּכַל לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ.

(השואל: א שעה צייט קען מען פארברענגען מיט איין דיבור?) **יא, מען קען זאגן א שעה צייט - 'רבונו של עולם האב אויף מיר רחמנות!'**[מא].

**מען האט שוין כמה גערעדט; דער אויבערשטער זאגט א שבח אויף דוד המלך'ן**[מב]**: "הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי אָתָּה". זאל שטיין 'הוא יקראני אבי'? נאר, "אבי אתה" איז דער טייטש - 'דו ביסט מיין טאטע'! דאס איז שוין מער ווי מען זאגט "מיין טאטע" אליין. "דו ביסט מיין טאטע" - דאס איז שוין מערער, "אָתָּה" - 'דו ביסט מיין טאטע'.**

**"אבי" איז טייטש - מיין טאטע. שוין. 'דער טאטע'. אבער 'רבונו של עולם, דו ביסט מיין טאטע' - דאס איז שוין מערער. זאגט דער אויבערשטער, ער האט מיר גערופן "אבי אתה"! דער אויבערשטער לויבט אוים דוד המלך'ן - 'ער האט מיר גערופן - "דו ביסט מיין טאטע!"'.**

❖

## זיך אַן עצה געגעבן

**נישט אומזיסט לאקערט דער בעל דבר מיט אזעלכע התנגדות אויפן רבי'נס זאך. פארוואס? ווייל דעם רבי'נס זאך איז געווען מיט אַן אמת, אָן קיין שום פרסום נישט, אָן קיין שום מעשה'ס, נאר אינזין האבן דעם תכלית - 'פארוואס דרייט מען זיך ארום דא, וואס טוהט מען דא'.**

**יעדער איינער איז פול מיט נסיונות מען זאל אינזין דעם תכלית, דערפאר קריצט ער מיט די ציינער, ער וויל עס נישט פארליידן, ער קען נישט פארליידן דאס דאזיגע. אז מען קומט זיך צונויף - קומט מען זיך צונויף; אבער אינזין האבן דעם תכלית?! רעדן פון תכלית?! דאס קען ער נישט פארליידן, דאס קען ער נישט פארליידן.**

---

[מא] אֶחָד הִתְאוֹנֵן לִפְנֵי מוֹהַרְנַ"תְּ זַצַ"ל בָּזֶה, שֶׁאֵין לוֹ דִּבּוּרִים לְדַבֵּר לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ בִּשְׁעַת הִתְבּוֹדְדוּת. גָּעַר בּוֹ מוֹהַרְנַ"תְּ וְאָמַר לוֹ: "הֲכִי אֵינְךָ יָכוֹל לוֹמַר: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רַאטִיוֶוע מִיךְ, זָאגְט מֶען טוֹיזְנְט מָאל רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם...**". (אבניה ברזל - שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת סעיף א').

[מב] תהלים פט, כז.

אט דאס האט ער געזאגט טאקע[מג] (- הס"מ): "אז די נשמה וועט קומען אויף דער וועלט - וואס האב איך שוין צו טוהן?". "אז די נשמה גייט אראפ - וואס האב איך צו טוהן?". האט מען אים געענטפערט: "די נשמה מוז אראפגיין, און דו גיב דיר אַן עצה". האט ער זיך אַן עצה געגעבן - "געבראכט אַן אלטיטשקן, אַן איינגעבויגענעם - און ער האט געלאכט!"[מד].

פלעגן אונזערע לייט זאגן: ווער האט געלאכט? דער בעל דבר האט געלאכט, צו דער אלטיטשקער האט געלאכט - ווער האט געלאכט? דארט איז נישט מבואר ווער עס האט געלאכט. פלעגן אונזערע לייט זאגן אזוי, דא ליגט צוויי עצות; ער האט זיך אַן עצה געגעבן אז מען זאל אויסלאכן - מאכן א געלעכטער דערפון - 'משוגעים' - דאס איז זיין עצה. און נאך אַן עצה - 'אַלט' - עס זאל ווערן אלט, נישט פריש.

אט דאס איז די צוויי עצות וואס ער האט זיך אַן עצה געגעבן אויפן רבי'נס זאך: 'אויסלאכן' דער זאך, און מאכן דאס פאר 'אַלט', אט דאס זענען זיינע צוויי עצות.

❖

אז דער אויבערשטער העלפט טאקע אז מען באנייט זיך אין דעם רבי'נס זאך, איז אזוי גוט, אזוי געשמאק, עס קען זיין ממש אז עס זאל נתוסף ווערן - אזוי ווי דער רבי זאגט אין די תורה "ואת הערבים"[מה] - 'עס זאל נתוסף ווערן בכל יום ויום קדושה

---

[מג] עיין סיפורי מעשיות - מעשה ז' מזבוב ועכביש.

[מד] עיין תולדות יעקב יוסף פר' שופטים אות י': דשמעתי ממורי על פסוק על מה שוא בראת כל בני אדם (תהלים פט, מח). שהוא שאלה ותשובה, ששאל היצה"ר להש"י בעת שהי' מרע"ה עושה כמה נפלאות, א"כ למה שוא בראת, שהוא היצה"ר, כי מי פתי יסור לשמוע לו. והיתה תשובה, כל בני אדם, שיברא כנגדו אדם בליעל בדמות הצדיק שיהי' מסית ומדיח וכו'. כל בני אדם, ר"ל, כמו כל בני אדם שהם צדיקים וכו'. **כי בעת יצירת האדם כשר וצדיק קודם רדת הנשמה בגוף, נעשה למעלה קטרוג שנתעורר הס"ם בטענה שזה יחזיר בני דורו למוטב, ומה יוכל היצה"ר לפעול נגדו, ולמה נברא.** עד שנותנין לו ג"כ ת"ח להרע מן שידין יהודאין, שיהיה נגד זה הת"ח כשר ויתלוצץ ממנו, ומעתה הבחירה חפשי. יש שידבק בזה או בזה, כי זה לעומת זה עשה אלהים, ודפח"ח.

[מה] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ד', אות ח' וזל"ש: וְדַע, שֶׁזֶּה הַמֵּצַח הַנָּחָשׁ יְנִיקָתוֹ מִזִּקְנֵי הַדּוֹר, מִמַּאֲרִיכֵי יָמִים שֶׁבַּדּוֹר, כְּשֶׁאֵין בָּהֶם שְׁלֵמוּת, מִזֶּה יוֹנֵק מֵצַח הַנָּחָשׁ הַנַּ"ל, כִּי 'זָקֵן זֶה קָנָה חָכְמָה' (קִדּוּשִׁין ל"ב:). **וְצָרִיךְ הָאָדָם, כָּל מַה שֶּׁמַּזְקִין, כָּל מַה שֶּׁנִּתּוֹסֵף וּבָא לוֹ יוֹם מִימֵי חַיָּיו, לְהוֹסִיף בְּכָל יוֹם וָיוֹם שֶׁבָּא אַחַר כָּךְ**

ודעת׳, זיך באנייען אין דער זאך, עס זאל זיין ניי, פריש, ׳בכל יום ויום׳ זאל נתוסף ווערן קדושה ודעת. דאס איז א קלייניקייט?!

דער רבי רופט עס אָן: ״די מאריכי ימים שבדור שאין בהם שלימות״ - זיי האבן נישט קיין שלימות ווייל זיי זענען נישט מוסיף קיין ׳קדושה ודעת׳. כאטש זיי ווערן אַלט - ווערן זיי אלט נאר מיט טעג און מיט יארן, אבער מיט קדושה ודעת ווערן זיי נישט אלט.

דער ׳מצח הנחש׳ איז יונק פון די ׳מאריכי ימים שבדור שאין בהם שלימות׳, פון זייערע געפאלענע טעג. קען מען שוין פארשטיין, מען רעדט דאך אלץ - די אפיקורסים, אפיקורסים. אבער אפשר גיב איך זיי א יניקה?! אז איך ווער עלטער מיט טעג אבער איך ווער נישט עלטער מיט ׳קדושה ודעת׳, איז דער מצח הנחש יונק פון מיינע טעג, גיב איך דאך זיי א יניקה.

דער רבי זאגט דארטן קעגן (דעם ענין פון) חצות, אין תורה ס״ז[מ], ״טאמער בין איך דער מעכב פון דעם בנין בית המקדש, איז דאס אויך גלייך ווי איך מאך עס חרוב״.

מען האט גערעדט נעכטן טאקע, ווי אזוי קען איך אינזין האבן דער ׳חצות׳ אויף זיך? נאר דאס אליין קענסטו שוין אינזין האבן, טאמער בין איך מעכב דעם בנין בית המקדש. עס זענען דא אזעלכע מענטשן אין דעם דור וואס זיי בויען דעם בית המקדש מיט זייער פיראכץ, און עס זענען דא מענטשן וואס זענען מעכב דעם בנין בית המקדש. מעכב זיין איז גלייך ווי איך האב גורם געווען ׳להחריבו׳. קומט אויס, קען איך קלאגן אויף זיך,

---

**תּוֹסְפוֹת אוֹר קְדֻשָּׁה וָדַעַת**, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִנִּים פֶּרֶק ג): **׳זִקְנֵי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים כָּל זְמַן שֶׁמַּזְקִינִין, דַּעְתָּן מִתְיַשֶּׁבֶת עֲלֵיהֶן׳** כִּי צְרִיכִין בְּכָל יוֹם וָיוֹם שֶׁבָּא אַחַר כָּךְ לְהוֹסִיף בּוֹ קְדֻשָּׁה וָדַעַת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית א): ״וַיִּקְרָא אֱלֹקִים לָאוֹר יוֹם״ שֶׁכָּל יוֹם צָרִיךְ שֶׁיָּאִיר בְּיוֹתֵר כַּנַּ״ל. אֲבָל כְּשֶׁהַזְּקֵנִים, הַמַּאֲרִיכֵי יָמִים שֶׁבַּדּוֹר, פּוֹגְמִים אֶת יְמֵיהֶם וְאֵין מוֹסִיפִין אוֹר קְדֻשָּׁה וָדַעַת בְּכָל יוֹם וָיוֹם, מִזֶּה יוֹנֵק מֵצַח הַנָּחָשׁ, חָכְמַת הַטֶּבַע הַנַּ״ל, (כִּי מִנְּפִילַת הַיָּמִים שֶׁל הַזְּקֵנִים, אֲשֶׁר אֵין דַּעְתָּם מִתְיַשֶּׁבֶת כַּנַּ״ל, מִפְּגַם הַדַּעַת הַזֶּה שֶׁל אֵלּוּ הַזְּקֵנִים יוֹנֵק מֵצַח הַנָּחָשׁ, שֶׁהוּא חָכְמַת הַטֶּבַע).

[מ] ליקוטי מוהר״ן תניינא, וזל״ש: עַל כֵּן מְאֹד צָרִיךְ לִזָּהֵר לָקוּם בַּחֲצוֹת, לִהְיוֹת מִתְאַבֵּל עַל חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, כִּי אוּלַי בַּגִּלְגּוּל הָרִאשׁוֹן הָיָה הוּא הַגּוֹרֵם שֶׁיֶּחֱרַב הַבֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וַאֲפִלּוּ אִם לָאו, אוּלַי הוּא מְעַכֵּב עַתָּה בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וְנֶחֱשָׁב גַּם כֵּן כְּאִלּוּ הוּא גָּרַם לְהַחֲרִיבוֹ. עַל כֵּן צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לָקוּם בַּחֲצוֹת, וְלִהְיוֹת מִתְאַבֵּל מְאֹד עַל חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

**איך בין גורם דעם 'חורבן בית המקדש', איך בין גורם מיט מיינע מעשים עס זאל נישט זיין קיין בנין בית המקדש.**

דאס אויפשטיין חצות, דאס אליין וואס מען שטייט אויף חצות און מען רעדט דאס, איז שוין אַן ענין מיט וואס ער קען האפן צום אויבערשטן אז ער איז נישט מעכב דעם בנין בית המקדש, אפשר העלפט ער גאר צו דעם בנין אויך. אז ער שטייט אויף אין דער צייט, קען ער האפן צום אויבערשטן אז ער איז נישט מעכב דעם בנין בית המקדש.

❖

## 'שוין' אנהויבן ווערן עלטער...

א פלא'דיגע זאך, עס שטייט אין סוף קדשים[מז]: "**רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן עֲקַשְׁיָא אוֹמֵר**, זִקְנֵי תוֹרָה כָּל זְמַן שֶׁמַּזְקִינִין דַּעְתָּן מִתְיַשֶּׁבֶת עֲלֵיהֶן". ברענגט דער רע"ב, די 'זקני תורה' אז עס ווערט ביי זיי 'תשות כח - הן מוסיפין חכמה'. אויך דער רמב"ם ברענגט, בשעת דער 'גוף' ווערט חלוש - ווערט 'ניתוסף מוחו'. עס איז איין כוונה, אז עס ווערט 'תשות כוחו' - ווערט 'נתוסף מוחו'; אז עס ווערט 'נחלש גופו', ווערט 'נתוסף חכמתו'.

ווייזט אוים אזוי, אין די יונגע כוחות האט מען מער אינזין דעם גוף - איז דער מח נתקטן, אבער אז דער גוף ווערט שוואך אויף דער עלטער - ווערט דער מח מער נתוסף.

איז א ראיה פון דעם - דער רע"ב איז דאך געווען א בעל רוח הקודש[מח] - וויבאלד דער גוף ווערט נאר אביסל אפגעשוואכט, דאס הייסט, איך האב אים שוין נישט אזוי פיל אינזין, ווערט נתוסף דער מח. אבער אז איך האב אינזין דעם גוף, איז דער מח נתקטן.

- זעה דעם רע"ב דארטן, און דעם תוספות יו"ט וואס ברענגט דארט דעם רמב"ם - אז מען האט נאר אינזין דעם גוף מיט אלע 'הידורים' איז דער מח נתקטן.

---

[מז] משניות קנים פ"ג מ"ו.

[מח] עיין שיש"ק ח"ה, אות תצ"ח: כְּשֶׁהִזְהִיר פַּעַם הָרַב הַבַּעַל הַתַּנְיָא אֶת תַּלְמִידָיו לִלְמֹד אַךְ בִּסְפָרִים שֶׁנִּתְחַבְּרוּ עַל יְדֵי צַדִּיקִים בַּעֲלֵי רוּחַ הַקֹּדֶשׁ. שְׁאָלוּהוּ עַל לִמּוּד הרע"ב מִבַּרְטֶנוּרָא, עָנָה: זֶהוּ רוּחַ הַקֹּדֶשׁ נָקִי, "**דָּאס אִיז רֵיינֶע רוּחַ הַקֹּדֶשׁ**". מובא גם בטעם זקנים קונטרס מ"ז.

(אחד הנוכחים: "על ידי מזונא דגופא נחלש מזונא דנשמתא") **יא**[מט].

דער אויבערשטער זאל העלפן, מיט דעם רבי'נס עצות איז דא אזא מין זאך טאקע אז מען קען ממש - - מען איז דאך אין דעם עולם, מען דארף דאך עסן, מען דארף טרינקען, מען דארף שלאפן, מען דארף אנטוהן א בגד, מען דארף אלעס - אבער עס ווערט 'נתוסף מוחו'.

מען דארף נישטווארטן אויף דער עלטער אז עס זאל ווערן 'תשות כח'; ווערליג מען האט דא גערעדט, 'כל זמן שמזקינין' מיינט נישט - 'ער ווערט אַן אלטער איד', נאר וואס ער ווערט אלץ עלטער, וואס ער ווערט אלץ עלטער און ער איז עוסק אין די עצות וואס דער רבי זאגט, ווערט דער גוף אביסעלע נחלש, ווערט 'נתוסף מוחו'.

עס איז דאך געווען, רבי אלעזר בן עזריה איז אלט געווען אכצן יאר, און ווייל ער האט נישט אזוי פיל אינזין געהאט דעם גוף, איז אים געווארן 'נתוסף מוחו'[נ].

❖

## גם באכילה יכולים להתקרב להשי"ת

דער אויבערשטער האט דאך באשאפן עסן. האט ער דען באשאפן אז א מענטש מוז עסן אז דאס עסן זאל אים דערווייטערן פונעם אויבערשטן?! - קומט דאך אויס - וואס זאל דער מענטש טוהן? עסן מוז ער דאך - און עסן דערווייטערט אים פון דעם אויבערשטן!? שלאפן מוז ער - און שלאפן דערווייטערט אים פונעם אויבערשטן!?

---

[מט] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ח', אות א': כִּי יֵשׁ מְזוֹנָא דְּנִשְׁמָתָא וּמְזוֹנָא דְּגוּפָא, **וְעַל יְדֵי מְזוֹנָא דְּגוּפָא נֶחֱלָשׁ מְזוֹנָא דְּנִשְׁמָתָא**. כִּי עַל יְדֵי מְזוֹנָא דְּגוּפָא, דְּהַיְנוּ עַל יְדֵי אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה עַל יְדֵי זֶה מַגְדִּילִין אֶת בְּחִינַת עָקֵב דְּסִטְרָא אַחֲרָא, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים מ"א): "אוֹכֵל לַחְמִי הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב". כִּי עַל יְדֵי הָאֲכִילָה נִתְחַזְּקִין הָעֲקֵבִים וְהָרַגְלִין, בִּבְחִינַת (שַׁבָּת קנב): 'דּוֹק בְּכַכֵּי וְתִשְׁכַּח בְּנַגְרֵי'. וְאָז כְּשֶׁנִּתְגַּדֵּל, חַס וְשָׁלוֹם, עָקֵב דְּסִטְרָא אָחֳרָא, עַל יְדֵי זֶה נֶחֱלָשׁ, חַס וְשָׁלוֹם, בְּחִינַת עָקֵב דִּקְדֻשָּׁה שֶׁהוּא בְּחִינַת (מִשְׁלֵי כ"ב): "עֵקֶב עֲנָוָה יִרְאַת ה'", שֶׁהִיא בְּחִינַת רֵיחַ, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָה י"א): "וַהֲרִיחוֹ בְּיִרְאַת ה'", שֶׁהוּא מְזוֹנָא דְּנִשְׁמָתָא.

[נ] עיין גמ' ברכות דף כח.

**מוז מען דאך זאגן; 'עסן' - און מיט דעם עסן קענסטו אויך זיין נאנט צום אויבערשטן![נא]; 'שלאפן' - און מיט דעם שלאפן קענסטו אויך זיין נאנט צום אויבערשטן. ווארום עס קען דאך נישט זיין אז מען האט מיר געגעבן אזא מין זאך וואס איך קען נישט דורכדעם זיין נאנט צום אויבערשטן.**

**דער רבי זאגט טאקע[נב], "דער עיקר יראה ווערט בשעת אכילה"; "די הארת הרצון קומט בשעת'ן עסן"[נג], "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם 'בְּעִתּוֹ'"; 'בעתו' - מיט דעם "'כָּעֵת' יֵאָמֵר לְיַעֲקֹב וּלְיִשְׂרָאֵל מַה פָּעַל אֵ-ל" - עס איז אַן עת רצון ביים עסן[נד].**

[נא] עיין ליקוטי הלכות הל' חלה ה"ד, אות ג': **וּמֵחֲמַת זֶה דֶּרֶךְ הַרְבֵּה לִפֹּל בְּדַעְתָּם בְּכָל פַּעַם מֵחֲמַת הָאֲכִילָה.** וּבֶאֱמֶת כָּל זֶה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, כִּי אָסוּר לִפֹּל בְּדַעְתּוֹ מִשּׁוּם דָּבָר, כַּמְבֹאָר בִּדְבָרֵינוּ פְּעָמִים אֵין מִסְפָּר, אַדְּרַבָּא, צְרִיכִין לְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּכָל פַּעַם בְּכָל יוֹם כַּנַּ"ל, **וּבִפְרָט בִּשְׁעַת הָאֲכִילָה** שֶׁאָסוּר לִהְיוֹת אָז אִישׁ עָצֵל (שֶׁקּוֹרִין שְׁלֵימַזְלְנִיק) כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר שָׁם, רַק לִהְיוֹת אִישׁ חַיִל עַד שֶׁיִּזְכֶּה לְהֶאָרַת הָרָצוֹן בִּשְׁעַת הָאֲכִילָה דַּיְקָא, הַיְנוּ כִּי לֹא דַּי שֶׁאָסוּר לִפֹּל בְּדַעְתּוֹ עַל יְדֵי אֲכִילָתוֹ, **אַדְּרַבָּא, צְרִיכִין לֵידַע וּלְהַאֲמִין שֶׁאֲכִילַת אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי יְקָרָה מְאֹד** מֵאַחַר שֶׁאֲכִילָתוֹ עַל פִּי הַתּוֹרָה עַל כָּל פָּנִים שֶׁאֵינוֹ אוֹכֵל דָּבָר הָאָסוּר חַס וְשָׁלוֹם רַק הַכֹּל עַל פִּי הַתּוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, וְתוֹרָתְךָ בְּתוֹךְ מֵעָי כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם, כָּל מַאֲכָלַי עַל פִּיךָ. וְגַם מְבָרֵךְ עַל כָּל דָּבָר תְּחִלָּה וָסוֹף. וְעַל יְדֵי זֶה כָּל אָדָם מִיִּשְׂרָאֵל מְבָרֵר בֵּרוּרִים הַרְבֵּה בַּאֲכִילָתוֹ **וְיֵשׁ לוֹ לֶאֱכֹל בְּשִׂמְחָה וּבְהִתְחַזְּקוּת גָּדוֹל בַּה' יִתְבָּרַךְ** וְלֵידַע כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ וַה' עִמּוֹ וְכוּ' כַּנַּ"ל עַד **שֶׁיִּזְכֶּה בִּשְׁעַת אֲכִילָתוֹ דַּיְקָא** לְהֶאָרַת הָרָצוֹן שֶׁיִּשְׁתּוֹקֵק אָז דַּיְקָא לַה' יִתְבָּרַךְ בְּרָצוֹן מֻפְלָג מְאֹד.

[נב] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ז, וזל"ש (מליקו"ע): **עִקַּר הַיִּרְאָה הִיא בָּאָה וְנִגֶּשֶׁת אֶל הָאָדָם בִּשְׁעַת אֲכִילָה, עַל־כֵּן צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לֶאֱכֹל בִּקְדֻשָּׁה, וּלְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ הַיִּרְאָה הַבָּאָה אֵלָיו אָז.**

[נג] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', אות י', וזל"ש: מִי שֶׁהוּא אִישׁ חַיִל וְאֵינוֹ הֶהֶפֶךְ (שֶׁקּוֹרִין: רַע מַזָּל, שְׁלִימַזָּל), הוּא יָכוֹל לְקַבֵּל בְּעֵת הָאֲכִילָה הֶאָרַת הָרָצוֹן, דְּהַיְנוּ שֶׁיָּאִיר לוֹ הָרָצוֹן בְּעֵת הָאֲכִילָה, וְיִשְׁתּוֹקֵק וְיִכְסֹף מְאֹד אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּרָצוֹן מֻפְלָג, בְּלִי שׁוּם יְדִיעָה, שֶׁלֹּא יֵדַע כְּלָל מָה הוּא רוֹצֶה. וְזֶה בְּחִינַת (תְּהִלִּים קמ"ה): "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ". בְּעִתּוֹ זֶה בְּחִינַת הֶאָרַת הָרָצוֹן הַנַּ"ל, בְּחִינַת (בְּמִדְבַּר כ"ג): "כָּעֵת יֵאָמֵר לְיַעֲקֹב וּלְיִשְׂרָאֵל מַה פָּעַל אֵל", כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת פֶּרֶק ב): 'עֲתִידִין צַדִּיקִים שֶׁיִּהְיֶה מְחִצָּתָן לִפְנִים מִמַּלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת'. 'מְחִצָּה' זֶה בְּחִינַת מַקִּיפִים, שֶׁהֵם הַמְּחִצָּה שֶׁל הַשֵּׂכֶל. וְלֶעָתִיד יִהְיֶה מְחִצּוֹת הַמַּקִּיפִים שֶׁל הַצַּדִּיקִים לְמַעְלָה מִמַּקִּיפִים שֶׁל מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת, וְאָז יִהְיֶה הַשָּׂגָתָם בְּחִינַת מָה, בְּחִינַת: מַה פָּעַל אֵל. וְזֹאת הַהֶאָרָה שֶׁל בְּחִינַת מָה הוּא בְּחִינַת הֶאָרַת הָרָצוֹן, שֶׁהוּא לְמַעְלָה מִן הַכֹּל, וְהוּא מִתְגַּלֶּה בְּעֵת הָאֲכִילָה, בִּבְחִינַת: "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" בְּעִתּוֹ דַּיְקָא, בְּחִינַת הֶאָרַת הָרָצוֹן שֶׁהוּא בְּחִינַת מָה, בְּחִינַת: "כָּעֵת יֵאָמֵר לְיַעֲקֹב וּלְיִשְׂרָאֵל מַה" וְכוּ', בְּחִינַת מַקִּיפִים הַנַּ"ל שֶׁהֵם בְּחִינַת מָה, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת הֶאָרַת הָרָצוֹן כַּנַּ"ל.

[נד] [עיין ליקוטי הלכות הל' ראשית הגז ה"ג, אות י"ח: וְעַיֵּן בַּמַּאֲמָר, רְצוּעָה הָיְתָה יוֹצְאָה מֵחֶלְקוֹ שֶׁל בִּנְיָמִין וְכוּ', בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא. כִּי הוּא שַׁיָּךְ לַמַּאֲמָר 'וַיְהִי מִקֵּץ כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם' הַנַּ"ל].

אין דער ערשטער תורה דערמאנט דער רבי[נה]: "מען דארף זיך מקשר זיין צום שכל וואס עס איז דא אין יעדער זאך - אז עס זאל אים לייכטן דער שכל וואס עס איז דא אין יעדער זאך". אין יעדער זאך איז דא א שכל וואס אט דער שכל קען מיר מקשר זיין צום אויבערשטן, ווארום אויב נישט - קען נישט זיין אז איך מוז אנקומען צו דער זאך, ווייל עס קומט דאך אוים אז דער אויבערשטער האט באשאפן א מענטש מיט אזעלכע זאכן וואס דערווייטערן אים; נאר דארטן איז דא א שכל. דארף מען זיך נאר גוט איינקוקן אין דעם שכל, און זיך מקשר זיין צו דעם שכל, וועט אים שיינען דער שכל.

יוסף הצדיק איז געווען אין אזא מין מקום טמא, אזא נסיון. אויף "בְּכוֹר שׁוֹרוֹ הָדָר לוֹ"[נו], טייטשט דער רבי[נז], "בכור" איז דער שכל, "שור" איז טייטש - קוקן; ער האט זיך איינגעקוקט אין דעם שכל. "הדר לו" - מאכט דער תרגום, "זיו ליה", עס האט אים געשיינט דער שכל 'אפילו במקום אפל וחושך'.

זעהט מען דאך, דא אין דעם עולם איז אלעס דא; נאר וואס דען, זיי מקשר דעם שכל צו דער זאך. דארטן איז דא א שכל מיט וואס דו זאלסט ווערן מקורב צום אויבערשטן.

רבי נתן ברענגט אין א הלכה דארטן[נח], "אין 'מאכלות אסורות' - דארטן איז נישטא קיין שום שכל, מען טאר עס נישט עסן!". ביי א 'יום התענית' דאורייתא, צו א דרבנן, איז נישט שייך צו זאגן דעמאלט - 'איך וועל עסן בקדושה' - איך בין מחוייב צו פאסטן. אבער דעמאלט ווען עס איז נישט קיין מאכל אסור, אדער דער טאג איז נישט גע'אסר'ט - און איך דארף עס יא האבן, ליגט דארטן א שכל מיט וואס איך קען מקורב ווערן

---

[נה] ליקוטי מוהר"ן סי' א': כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ תָּמִיד לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל, שֶׁל כָּל דָּבָר, וּלְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, כְּדֵי שֶׁיָּאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל, שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי אוֹתוֹ הַדָּבָר.

[נו] דברים לג, יז.

[נז] בליקוטי מוהר"ן שם, וז"ל: וְעַל כֵּן נֶאֱמַר בְּיוֹסֵף (דְּבָרִים ל"ג): "בְּכוֹר שׁוֹרוֹ הָדָר לוֹ". 'בְּכוֹר' הוּא בְּחִינַת הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ 'שׁוֹרוֹ' לְשׁוֹן הִסְתַּכְּלוּת, כִּי צְרִיכִין לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ הָדָר לוֹ תִּרְגֵּם אוּנְקְלוֹס: זִיו לֵיהּ לְשׁוֹן אוֹר. כִּי הַשֵּׂכֶל מֵאִיר לוֹ בְּכָל דָּבָר; **אֲפִלּוּ בְּמָקוֹם שֶׁהָיָה אֹפֶל וָחשֶׁךְ, מֵאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל, כְּשֶׁזּוֹכֶה לְהִסְתַּכֵּל עַל הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ שָׁם בְּכָל דָּבָר וּמְקָרֵב אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.**

[נח] עיין ליקוטי הלכות הל' נותן טעם לפגם ה"ב.

דורכדעם צום אויבערשטן! אז נישט וואלט דער אויבערשטער נישט געפירט אז איך מוז אנקומען צו דער זאך. די אלע צדיקים זענען דאך אויך געווען אין דער וועלט, זיי האבן אויך געהאט אכילה ושתיה און אלע תענוגים.

דער זוהר הקדוש זאגט[נט]: "וַכָּאָה אִיהוּ מַאן דְּלָא אִתְהֲנֵי מִדִּילֵיהּ כְּלוּם!" - ער האט נישט קיין הנאה פון דער וועלט גארנישט. די חברייא פון רבי שמעון'ען האבן דען נישט געגעסן? וואס הייסט אז זיי האבן נישט 'הנאה' פון דער וועלט? נאר בשעת זיי האבן געגעסן זענען זיי געווען מיט א רצון צום אויבערשטן, קיין שום זאך האט זיי נישט אפגעריסן פונעם אויבערשטן.

דאס איז געוואנדן נאר וועדליג מען גייט מיט די עצות פונעם רבי'ן - רעדן צום אויבערשטן דיבורים; א חבר; און די ספרים, דעמאלט ברוב הזמן קען מען קומען דערצו אז די זאכענישן וואס הייסט 'גשמיות' זאל מיר נישט דערוויטערן פונעם אויבערשטן.

❖

## 'אט דאס זענען אונזערע שוסטערס!'

(ר' נחמן: רבי נתן ר' לייבעלע ראובן'ס שרייבט צו ר' נחמן טולטשינער א בריוו[ס]: "ידידנו עוז, חבר לכל אשר יראוך, משמש בקודש הקדשים"; ער לאזט דארט גריסן "בנו ר' אברהם"!) **יא יא, ר' נחמן פלעגט זיך חתמ'ענען אזוי: "נחמן המשמש בקודש".**

(ר' נחמן: פון ר' נחמן טולטשינער איז דא א בריוו, חתמ'עט ער זיך "משמש דקלויז") **ר' נחמן האט געטוהן פראסטע זאכן, אויסגעקערט, אויסגעוואשן, ריין געהאלטן.**

דאס איז אויך פון די חידושים וואס מיר האבן געזעהן ביי אונזערע לייט, **אנשים תמימים זענען געווען גדולי גדולים! גדולי גדולים!** בכח פונעם רבי'ן וואס דער רבי האט גערעדט פון אמת און תמימות, זענען אנשים תמימים געווען גדולי גדולים!

---

[נט] עיין תרומה דף קמ"א ע"ב; פקודי רנ"ח ע"ב.

[ס] עיין מכתבי ר' נתן בר"י - מכתב נ"ד.

איך האב אזעלכע אנשים תמימים געקענט - טאקע תמימים, וואס גרויסע מענטשן פונעם דור וועלן זיך שעמען פאר זיי![סא]

(השואל: וואס איז פשט "תמימים"? זיי האבן געטוהן אין מסחר?) נישט קיין גרויסע לומדים, איינער איז געווען א שוסטער - און געווען גדולי גדולים!

עס איז געווען איינער א שוסטער - משה שוסטער, ר' נאשקע האט אים מקרב געווען. בין איך אריינגעגאנגען אמאל צו אים, ער איז געזעצן ביי דער ארבעט, ער איז קיינמאל נישט געווען אין שטוב, איז ער געזעצן מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן. איך בין אריינגעקומען צו אים, (וחשבתי בהתפעלות) - 'אט דאס זענען אונזערע שוסטערס!' מיט אזא מין דביקות געזעצן צום אויבערשטן.

ער האט געפרעגט אמאל א שאלה, אויב ער ארבעט מיט א נייעם שוך - צו מעג ער דעמאלט רעדן צום אויבערשטן דיבורים ווען ער האלט דעם שוך אין דער האנט! - אזא מין דביקות צום אויבערשטן האבן - א געוואלד, א געוואלד!

(ר' נתן אנשין: וואס האט מען אים געענטפערט?) איך וויים... שוין.

(ר' נתן: עס איז דא א שוסטער ביי אונז אין קטמון א ברסלב'ער, א ספרד'ישער[סב], האט ער מיר געפרעגט וואס מען האט אים געענטפערט; ער וויל אויך זיך מתנהג זיין אזוי!) דאכט זיך א נייע זאך מעג מען.

(ר' נחמן: "מודה אני" מען מעג דאך זאגן פאר נעגל וואסער!; ער פלעגט נישט פאררעכטן קיין אלטע שיך? מסתם אַן אלטן שוך מעג מען אויך!) ער האט געפרעגט די שאלה אויף א נייעם שוך.

---

[סא] עיין חיי מוהר"ן אות שי"ד: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר הַפָּחוּת שֶׁבַּאֲנָשַׁי אֲנִי מוֹלִיךְ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ שֶׁל צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד וְכוּ' וִיקַנֵּא מְאֹד אֶת הַמְקֹרָבִים אֵלָיו מִכָּל שֶׁכֵּן אֶת מִי שֶׁזּוֹכֶה לְהוֹשִׁיט לוֹ וְכוּ'.

[סב] ר' יונה מריומה ז"ל.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מו"ה **ישראל אונגאר** הי"ו

בארא פארק

לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה **אברהם יהודה שפילמאן** הי"ו

וויליאמסבורג

לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה **משה וואלדמאן** הי"ו

קרית יואל

לרגל אירוסי בתו עם החה"ח זאב הכהן פישער נ"י למזל טוב

מו"ה **אליעזר קיוואק** הי"ו

בארא פארק

לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה **אברהם שלום היימליך** הי"ו

מאנסי

לרגל הולדת הבת למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים